STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10837

IN AZA VELT

B. Elis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בנימין עלים

אין אזא וועלט

(דערציילונגען)

נאציאנאלע יידישע ביכער צענטראלע
National Yiddish Book Exchange

543

שטוטגארט — 1948

Special issue of „Bafreiung-Dror“ München, Maria-Theresia-Straße 9
דרוקעריי .5 מאָולטאָש, שטוטגאַרט רײנסבורג 207

מײַן פֿרומער מאַמען
גאָלדע מינדל
אומגעקומען פֿון רוצחישע הענט
אב תש"ב

אינהאַלט:

אַ דייטשע „שכנטע"	זייט	7
די שפּיל פון אַ רוצח	„	16
געיאָגטע מענטשן	„	25
דריי קברים	„	33
אַ מאָרגן מיט אַ נייעם אָנהייב	„	40
אַ פּרווּ פון קאַצעט	„	49
נישט ביי זיך.	„	55
אַ וואָרעם	„	61
דער קרעמער	„	68
די פאַרברעכער־נעסט	„	78

אַ דייטשע „שכנטע"

דעם צווייטן פרימאָרגן, אַז יאָסעלע „זשאָנדצע" האָט נישט קיין מנוחה פון זיינע לאָקאַטאָרקעס.

פון טייל זענען די מענער און זין אַוועקגעקומען מיט עטלעכע טעג צוריק, פון אַנדערע — ערשט נעכטן פאַרשוווּנדן, ערשט נעכטן זענען זייערע מענער אַוועק צו אַרבעט און מסחר און מער נישט אַ־היימגעקומען.

זיי האָבן געהאָפט און געגלייבט די ווייבער, אַז יאָסעלע „זשאָנד־צע" וועט עפּעס אויפטאָן. נאָך אין יענער מלחמה איז דער „זשאָנדצע" געווען אַן אויפטוער ביי „פּאָניען", האָט געראַטעוועט יידן פון תפיסה, פון פאַרשיקונג, פון תליה.

און כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז ס׳וועט אים אפשר ביי די דייַ־טשן זיין אוממעגלעך זיך צו דערשלאָגן ווּ זייערע מענער געפינען זיך — האָבן זיי בעסער געוואָלט גלייבן, אַז „פּאַר געלט" וועט ער שוין „דורך וועמען" אויסגעפינען אַ וועג, ווּהין מען דאַרפט.

דער „דורך וועמען" האָט לויט זייער פאָרשטעלונג געזאָלט זיין די אלמנה האָלפעלדער, מיט וועמען יאָסעלע איז געווען איינגעהיימישט פון כמה יאָרן.

די דייטשקע איז דאָ אין הויף געווען אַן איינגייערין אין אַלע שטובן — אויף אַלע שמחות, בריתן און חתנות געוואָרן איינגעלאַדן — און נאָך אַ „גמילת־חסד" פלעגט זי נישט גיין צום „זשאָנדצע"— זוער ס׳איז איר אונטערגעקומען פון דעם האָט זי געשלעפּט... אַ „גמי־לת־חסד טייערע" — פלעגט זי פריינדלעך זים מיט אירע דיקע הענט אַרומכאַפּן די ערשטע באַגעגנטע שכנטע. —„אויף צוויי טעג אַ גמילת־

חסד" — פלעגט זי תמיד זיך ווענדן אויף יידיש לשון, און בעתן אָפּ־געבן דאָס געלט פלעגט זי מיט אַ שמייכל פרעגן: —„בין איך ערלעך? האַ?".

בשעת די דייטשן האָבן גענומען די שטאָט — גענומען ראַבעווען יידישע געשעפטן, סקלאַדעס, פאַרשלעפּט און געממיתט — אויך דע־מאָלט פלעגט די אלמנה האַלפּעלדער נישט אָפּשטיין פון נעמען „גמי־לות־חסדים", ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט באַווייזן, אַז זי איז גאָרנישט געוואָרן „רייכער" פון דעם, וואָס „מ׳נעמט און מ׳רויבט" ביי יידן... אַז זי באַטייליקט זיך נישט דערין... אַז זי איז ווידער אַ מאָל ערלעך... זי פלעגט ווידער אַ מאָל באָרגן, ווידער אַ מאָל אָפּגעבן, ווי מיט דעם אַלעם וואָלט זי ווידער אַ מאָל געוואָלט באַשטעטיקן, אַז זי וויל אויך איצט גאָרנישט צונעמען...

— פאַרשאָלטענע בעסטיעס! — פלעגט זי אפילו זידלען די דיי־טשן נאָך די ערשטע טעג פון זייער אַריינקומען — ווער האָט נאָך זיי געשיקט?

אָבער דאָס אַלץ האָט זי געטענהט דעמאָלט, בעת זי האָט נאָך געשלעפּט „גמילות־חסדים". שפּעטער, ווען די ווייבער האָבן גענומען באַמערקן, ווי אין איר ווירטשאַפט קומען מונדירטע דייטשן, אָפּיצירן, זינט דעמאָלט האָט די האַלפּעלדער גענומען דורכגיין דעם הויף ווי אַ פרעמדע, ווי עפּעס אַ צוגערייזטע, האָט שוין נישט געהערט קיינעמס „גוט מאָרגן", נישט געענטפערט אויף קיינעמס באַגריסונגען, גלייך זי וואָלט דעם הויף מיט זיינע איינוווינער קיין מאָל נישט געקענט...

— ווערט זי אויסגעריסן! — האָבן די ווייבער צווישן זיך אָפּגעע־רעדט — ברעכט זי דעם קאָפּ!

איצט איז יאָסעלע פון זיי באַלאַגערט, זיי גיבן אים נישט קיין מנוחה די ווייבער, אַז ער זאָל דורך „איר" אָפּראַטעווען זייערע מענער און זין.

אין שטוב ביי יאָסעלען איז שטענדיק געווען אַן אומאָרדענונג, ווי אין אַן אַרכיוו־צימער, אָן אַ באַלעבאָס. אין יעדן ווינקל — צע־שפּרייטע פּעק צייטונגען, פּעק פּאַפּירן; אין אַ ווינקל ביי דער מלבי־שים־שאַנק — טאָוולדיקע איינמעלדונגס־ און אויסמעלדונגס־ביכער. דאָ

זענען געווען ביכער נאָך פון פריערדיקע זשאַנדצעס. ביכער מיט טויזנ־טער נעמען פון לאָקאַטאָרן, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געווינט און ווינען שוין נישט... פון געשטאָרבענע און געבוירענע... אין די ביכער פלעגט יאָסעלע אַריינקוקן, ווי מען קוקט אַריין אין אַלבאָמען מיט פאָטאָגראַ־פיעס, גלייך יעדער נאָמען וואָלט פאַר אים געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ משפחה־מענטשן...

איצט האָט ביי אים אויסגעזען ווי אין אַ קהילה — און ער אַ־ליין — ווי עפּעס אַ פאַרזאָרגטער ראש־הקהל, ווּעמען פאַראָרעמטע, אומגליקלעכע באַלאַגערן מיט בקשות, מיט קרעכצערייען, מיט געוויין און וואַרטן אויף הילף.

— וואָס פאַלט ענק איין? — האָט ער געטענהט קוקנדיק בעת מעשה אויף דער וואַנט, וווּ ס׳איז געווען צוגענאָגלט דער פאָרטרעט פון זיין פאַרשטאָרבן ווייב — וואָס קען יאַך אויפטאָן?

— איר קענט! איר קענט! — האָט אַ יידענע מיט געלע האָר און טונקעלע ברעמען זיך אָנגערופן — דער אייבערשטער וועט העלפן!

— ר׳ יאָסעלע! ר׳ יאָסעלע! — האָבן זיך געהערט עטלעכע שטימען.

— אַן עת־צרה, ר׳ יאָסעלע!

— ר׳ יאָסעלע זאָט נישט איינגשפּאַרט — האָט די געלע יידענע אָנגעהויבן — ביי פאָניען האָט אייך גאָט געהאָלפן, האַ? וועט ער היינט אוודאי... אין די זאַכן האָט איר מער פּראַקטיק פון אונדז...

— אַ שיינע מעשה! — האָט ער אַ זאָג געטאָן — ראשית, ראַ־שית האָט מען פאָניען געקענט אַנבאַסן מיט מזומן... מיט אַ פלאַש... און מיט עפּעס אַן אַנדער שוואַרץ יאָר... אָבער מיט יעקע? איך הייב נישט אָן צו וויסן, ווי מ׳פעדעמט איין ביי די מערדער!... און מיט די האָלפעלדער? — האָט ער אונטערגעזיפצט — בין איך היינט פונקט אַזאַ מחותן ווי איר אַלע...

— אָבער איר מיט אייער פּראַקטיק... מיט אייער פּראַקטיק...

— יאָ, מיין פּראַקטיק... — וואָס גילט פּראַקטיק, ווען מ׳ליגט מיט דער פּראַקטיק ביים מלאך־המות אין די הענט? — האָט ער ווידער

אַ מאָל געגעבן אַ בליק אויפֿן פּאָרטרעט פֿון זיין פֿאַרשטאָרבענער פרוי, ווי דער פֿאַרשטאָרבענערס פּאָרטרעט וואָלט געווען אַן עדות אויף זיינע רייד...

זיין בליק אויפֿן פּאָרטרעט פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם ווייב איז איצט געווען דורכגעחושכט מיט אַזוי פֿיל פֿאַרלוירנקייט, אומבאַהאָלפֿנ־קייט, ווי ער וואָלט נישט געקוקט אויף איר בילד, נאָר זי וואָלט נאָר־וואָס געשטאָרבן און ער שטייט פֿאַר איר טויטן גוף... אַזוי אומבאַ־האָלפֿן האָבן אים די שכנטעס קיין מאָל נישט געזען. זיי האָבן אים געקענט פֿאַר אַ פֿריילעך יידל. כאָטש ער איז שוין יאָרן געווען אַן אלמן, אָן קינדער, אפֿילו אָן משפּחה, האָט ער תּמיד געשוועבט, ווי עפּעס אַ זאָרגלאָז בחורל, תּמיד מיט אַ שמייכל סיי אין שטוב, סיי אין גאַס — און ווייל זיי האָבן אים איצט געזען אַזוי פֿאַרענדערט, ווי זיי־ער חורבן פֿון זייערע פֿאַרשלעפּטע מענער און זין, וואָלט אויך געווען זיין חורבן — טאַקע דעריבער זענען זיי איצט נישט אָפּגעטראָטן פֿון אים. פֿאַרקערט, זיי זענען נאָך נעענטער צוגעשטאַנען, אים אַזוי נאָענט אַרומגערינגלט, ווי מען נעמט זיך טוליען צו עפּעס אַ בוים אין פֿרייען פֿעלד, ווען די וועלט אַרום און ווערט חושך פֿון רעגן און וואָל־קנס.

— גייטץ אין ענקערע שטיבן! — האָט ער אויסגערופֿן — פֿאַר יידן האָב יאַך שטענדיק איינגעשטעלט מיין לעבן! אָבער היינט? גאָט איז מיין עדות! גייטץ אין ענקערע שטיבן!

דערווייל האָט ער אַליין גענומען שאַרן די פֿיס אויפֿן ליידיקן שטיקל פּאָדלאָגע, וואָס איז נאָך נישט געווען פֿאַרנומען פֿון די פֿרויען. ער האָט געווישט דעם שוויים פֿון פּנים, מיט אַ מאָל זיך אָנגעבויגן צום ווינקל ביי דער שאַנק, וווּ ס׳זענען געליגן די גראָב באַטאָוולטע מעלדונגס־ביכער — אַלע מיט פֿאַרשטויבטע רוקנס. דאָס אייבערשטע בוך, אין גאַנצן אין שטויב, ווי עס וואָלט שוין חדשים נישט געווען גע־רייניקט. און בעת ער האָט דערפֿון גענומען אָפּקלאַפּן דעם שטויב האָ־בן די ווייבער דערווייל אַריינגעכאַפּט אַ קורצע, שטילע באַראַטונג.

— איך וועל אַלץ אַוועקגעבן! אַלץ! — האָט אַ קורץ נעזלדיק ווייבעלע אויסגערופֿן — וואָס מ׳וועט דאַרפֿן — וועל עך געבן... גייט אַריבער צו דער דייטשקע ר׳ יאָסעלע...

— גייטץ אין ענקערע שטיבן! — ווען יאַך האָב געקענט — האָט מ׳נישט געדאַרפט בעטן... — האָט ער גענומען אַ צווייט בוך צום אָפּשטויבן — גייטץ אין ענקערע שטיבן!

— וואָס פאַרא שטיבן? — האָט אַ פרוי אַרויסגעפּלאַצט מיט געוויין — ווי זאָל איך איינזיצן אין שטיב, אַז מיין מאַן איז פאַרשלעפּט? ווו זאָל איך מיך אַהינטאָן?

די ווערטער „ווו זאָל איך מיך אַהינטאָן?״ האָט די פרוי שוין נישט אַרויסגערעדט, נאָר מיט אַזוי פיל קלעמונג זיי אַרויסגעיאָמערט, גלייך עס וואָלט געווען נישט בלויז איר אייגענע קלעמונג און יאָמער, נאָר די גאַנצע אָנגעזאַמלטע קלעמונג און האַרציאָמער פון אַלע צונויפגעקומענע פרויען דאָ. באַלד האָבן אַלע גענומען מיטיאָמערן, גלייך אַלע וואָלטן זיך געפונען אויף אַ טרינקנדיקער שיף.

— ווייבער! — האָט יאָסעלע אויסגערופן, אַוועקוואַרפנדיק דאָס אָפּגעשטויבטע בוך מיט אַ טראַסק — ווייבער!

די פרויען האָבן אים נישט געהערט. זייער יאָמער איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, נאָך האַרצקלעמענדיקער, ווי זיי וואָלטן זיך געפונען ביי די אָפענע קברים פון זייערע פאַרשלעפּטע מענער און פאַרשלעפּטע זין.

— ווייבער! — האָט ער ווידער אויסגערופן — עטץ האָט געהערט?! יאַך האָב פיינט געוויין! ווייבער!

אַ צעטומלטער איז ער צוגעלאָפן צום פענצטער. דורכן פענצטער האָבן זיך געזען דעבער מיט שניי, די גאַס מיט שניי. די גאַס, וועלכע איז תמיד געווען באַלעבט און באַטומלט פון יידן, איז איצט געווען אָפּגעליידיקט, ווי עפּעס אַ שאָסיי — ווייט פון אַ ישוב. אויף אַ ווײַלע האָט יאָסעלע זשאָנדצע פאַרמאַכט די אויגן, גלייך די גאַס־ליידיקייט וואָלט אים דאָרטן אַ בריענדיקן שטאָך געטאָן. דערנאָך, ווען ער האָט די אויגן געעפנט, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ בריעניש אין יעדן איבר, גלייך צו יעדן איבר וואָלט מען אים צוגעשפּיזט אַ באַגנעט. די גאַס איז שוין נישט געווען ליידיק. אַ גרופּע שיקסעס זענען אייליק געגאַנגען, כמעט געלאָפן, געטרייסלט די העלע קעפּ אויף לינקס און רעכטס, ווי זיי וואָלטן נאָכגעלאָפן עפּעס אַזעלכעס, פון וואָס זיי האָבן גרויס פאַרוויילונג. און די פאַרוויילונג זייערע איז געווען אַ צוואַנציק צעשוי־

בערטע יידן, אָן היטלען אָן מאַנטלען, מיט פאַרבלוטיקטע פנימער, וועלכע זענען געוואָרן אָנגעטריבן און באַוואַכט פון יונגע, מונדירטע דייטשן.

— אונדזערע מענער! אונדזערע מענער! — האָבן די פרויען גענומען קלאָגן זעענדיק די באַוואַכטע און געטריבענע יידן.

איצט איז זייער יאָמערן געשטיגן צו טראַגישע קלאָג־קולות, ווילד און אויסטערליש מוראדיק, עפּעס איז אין זייערע קולות געווען אַזעלכעס, אַז יאָסעלע האָט שוין נישט באַנומען צי דאָס איז חלום אָדער וואָר, אָט דאָס אויסטערלישע געשריי פון די ווייבער מיט די געטריבענע, פאַרבלוטיקטע יידן אויף דער גאַס, און צי די באַוואַכטע מענער דאָרטן אויף דער גאַס געהערן די פרויען דאָ, אָדער זיי זענען מענער פון אַנדערע פרויען — אַלץ איינס, איצט געהערן זיי שוין עמעצן אַנדערש...

— פון גאָט פאַרלאָזט און פון טייוול פאַרכאַפּט! — האָט אַ יידענע תפילהדיק געטרייסלט מיטן גאַנצן קאָפּ — ווײ, ווײ, וואָס מיט אונדז וועט אַלץ געטאָן...

— שטייט נישט, גייט אַריבער צו דער האָלפעלדער — האָט יאָסעלע געהערט אַ שעפּטשעריי פון עמעצן — ס׳וועט אייך חלילה עפּעס געשען? שטייט נישט... גייט שוין...

זיין קאָפּ איז געווען אַזוי פאַרשטיינערט, גלייך אינעווייניק וואָלטן אַלע צעלן פלוצלונג פאַרגליווערט און פאַרקאַלכט געוואָרן. ער האָט שוין נישט געקלערט, צי עס וועט אים עפּעס ביי דער האָלפעלדער יאָ געשען, אָדער נישט. ער האָט זיך געפונען ווי אין אַ חלום, נישט געקענט זיך אָפּגעבן קיין דין־וחשבון ביז ער איז צוגעקומען צו דער האָלפעלדערס טיר. ערשט דאָ האָט ער ווי אויפגעוואַכט. נאָך וואָס אייגנטלעך קומט ער איצט צו איר? וואָס וועט ער איר זאָגן? פון וואָס וועט ער אָנהייבן?

די האָלפעלדער, אַ דיקע, צעגאָסענע דייטשקע מיט פליישיקע, בלאַסע באַקן, מיט אַרויסגעזעצטע שמאַלצאויגן, האָט יאָסעלען אויפגענומען אין באַלויכטענעם קאָרידאָר, ווו ס׳האָט געבלענדט פון שפּיגלען. די האָלפעלדער, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן פאַרטעך, ווי פון קיך אַ־

וועק, האָט מיט אירע אַרויסגעזעצטע שמאַלצאַויגן געקוקט אויפֿן שכן אַזוי חידושדיק, מיט עפּעס אַזאַ אומגעדולד און גלייכצייטיק אַזוי פֿאַר־שנדיק, מיט חשד, ווי מען קוקט אויף אַ מאַסקירטן בעטלער, וועלכער איז נישט אויסן די בעטלעריי... און יאָסעלע ווידער, האָט שוין גע־וואָלט אַוועק פֿון איר פֿאָרשנדיקן בליק, געוואָלט צוריק און אַרויס, ווי איינער, וואָס פֿאַרבלאָנדזשעט צו פֿרעמדע מענטשן, נישט אויפֿן ריכ־טיקן אַדרעס. נאָר אָפּגעהאַלטן האָט אים דאָס אַנדערשדיקע אויסזען פֿונעם קאָרידאָר. ער האָט דעם קאָרידאָר נישט דערקענט. אַמאָל איז דאָ געווען פּוסט און פֿינצטער. איצט איז דער קאָרידאָר געווען פֿול מיט ליכט, פֿול מיט שענקעלעך און שפּיגלען, אַז מ׳האָט די ווענט נישט אַרויסגעזען, ווי אין אַן אָנגעפּאַקט מעבל־געשעפֿט.

— זי וועלן מיר אַנטשולדיקן, — האָט יאָסעלע נישט געוווּסט פֿון וואָס אָנצוהייבן אַ צעטומלטער פֿון די שענקעלעך און שפּיגלען — אפֿשר שטער איך?

— ניין, ניין, — האָט אים די דייטשקע נאָך אַלץ פֿאָרשנדיק אָנגעקוקט — רעדט...

— אפֿשר אַ צווייט מאָל? — האָט יאָסעלע ווידער געקלערט וועגן אַוועקגיין — אפֿשר שפּעטער?

— ניין, ניין, נישט שטענדיק האָב איך צייט... רעדט, רעדט. האָט אייך עמעץ געשיקט צו מיר? אָדער פֿון זיך?

— נישט פֿון זיך, פֿרוי האַלפּעלדער... נישט פֿון זיך... ס׳איז אַ הויפֿזאַך... פֿון אַלע שכנים...

— ווי, ווי?

— פֿון הויף זענען פֿיל מענער אַוועקגעקומען...

— מענער פֿון הויף? — האָט זי אים איבערגעשלאָגן — איז וואָס געהערן מיך אָן די מענער?

— פֿרוי האָלפּעלדער, פֿרוי האָלפּעלדער... זי זענען דאָך אַ שכנ־טע... פֿון שטענדיק אַ באַרמהאַרציקע... די איינציקע האָפֿענונג איז אויף אינס... באַרמהאַרציקייט...

— ניקס צו מאַכן, פֿאַניע! ניקס צו מאַכן... אפֿילו פֿאַר געלט...

— אוודאי נישט אָן געלט. דער גאַנצער הויף וועט געבן געלט... וויפל ס'וועט דאַרפן קאָסטן...

— נאַרישער ייד — האָט די דייטשקע אויסגערופן מיט אַ גע־לעכטער — אייער געלט דאַרפן מיר? אייער געלט איז שוין סיי ווי סיי נישט אייערס... דערווייל איז עס נאָך ביי אייך... היינט האָט איר נאָך אייערע שטובן, און מאָרגן? איר ווייסט וואָס מאָרגן וועט זיין? מאָרגן קען מען אייך שוין טרייבן אין געטאָ... ווער דאַרף אייער געלט? — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ נצחון־שמייכעלע — גייט אויף פיעטרי־קאָווער גאַס... יידן פאַלן דאָרטן ווי פליגן... דאַרפן מיר אייער געלט? נאַרישער ייד...

יאָסעלע האָט זיך גענומען אַרויסציען, ווי פון עפעס אַ פינצטער־ניש. ער האָט געזוכט די טיר, נאָר די דייטשקע האָט אים אַלץ גע־האַקט מיט רייד:

— אין געטאָ אַריין וועט איר גאָרנישט מיטנעמען פון דאַנען... אַלץ געהערט מיר... דער גאַנצער הויף...

— אַזוי האָט אייך געלערנט אייער רעליגיע? — איז אין יאָסע־לען פון ערגעץ אָנגעלאָפן אַ פראַגע.

ער האָט געוווּסט, אַז יעדן זונטיק פלעגט די דייטשקע אַן אויס־געפוצטע אין דעם שענסטן, נייעסטן גיין אין דער עוואַנגעלישער קיר־כע. איין מאָל האָט זי אים אַפילו געוואָלט מיטשלעפן צו די מיסיאָנע־רן, טענהדיק, אַז פון דאָרטן קומט מען אַהיים פרום, גאָטספאָרכטיק און מ'גלייבט אין יענער וועלט.

— וועט איר דעם הויף מיטנעמען אויף יענער וועלט? אַזוי האָט אייך געלערנט אייער רעליגיע? — האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט.

— וואָסער רעליגיע? ווער רעדט דאָ וועגן רעליגיע? — איז פון די אינעווייניקסטע צימערן פלוצעם אויסגעוואַקסן אַ פאַרשוין מיט אַן אָנגעכמורעט פנים — וואָס וויל דאָ דער ייד? — האָט דער פאַרשוין אַ פרעג געטאָן ביי דער האָלפעלדער.

איידער יאָסעלע האָט באַוויזן צו זען דעם פאַרשוינס פנים, האָט יענער שוין מאַנעווורירט מיט אַ רעוואָלווער פאַר זיינע אויגן.

— וואָסער רעליגיע? דאָס איז שטאַרקער פון אַלע רעליגיעס — האָט ער דעם רעוואָלווער נעענטער געשטופּט צו יאָסעלעס אויגן — זאָ־פּאָרט ראַוס! אַלטער זאַק!

* * *

ביים אַראָפּגיין פון די טרעפּ האָט יאָסעלע נאָך אַלץ געזען דעם פּאַרשוין מיטן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער. גלייך יענער וואָלט עס נאָך אַלץ געפּאַקט אין זיינע אויגן. „דאָס געווער איז שטאַרקער פון אַלע רעליגיעס" — האָט דעם פּאַרשוינס געשריי נאָך געררוישט אין זיין קאָפּ, און דאָס גיין פון די טרעפּ איז אים פאָרגעקומען, ווי ער וואָלט פּאַרבלאָנדזשעט, אַז דאָס זענען שוין נישט די טרעפּ, נישט דער הויף, ווו ער האָט אָפּגעאַרבעט דרייסיק יאָר... איצט געהערט שוין דאָס אַלץ דער דייטשקע און יענעם פּאַרשוין. און מאָרגן וועלן זיי אים פון דאַנען אַרויסטרייבן, אַריינפּאַקן אין אַ געטאָ, ווי אַ געיאָגטן, וואָס האָט קיין מאָל נישט געהאַט זיין היים...

די שפּיל פון אַ רוצח

יעדן טאָג האָב איך געקאָרמעט פּערציק קראָליקעס, צוועלף הי־נער, דריי חזירים, צוויי גרויסע הינט און אויפגערוימט זעקס גרויסע צימערן ביים אונטערשטורמפירער שולץ. די פּאָדלאָגעס נאָכן פוטערירן האָבן דאַרטן געמוזט האָבן אַ בליאַסק, אַ שימער, ווי עפּעס צום שפּיג־לען זיך אין זיי. דאָס רייניקן און פוצן ס׳מעבל, האָט אויך געדאַרפט געטאָן ווערן מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, אַזוי ציכטיק און זויבער, אַז מ׳האָט געדאַרפט האָבן עפּעס אַ ליבע פאַר דעם אַלעם... אָבער וואָס פאַר אַ ליבע האָב איך געקענט האָבן צום מעבל, צו די שטיבן, ווו ס׳האָט זיך אַרומגעדרייט דער וויצע־מערדער שולץ פון אונדזער געטאָ?

דורך כלערליי אופנים זענען פון אונדזער געטאָ שוין געווען געפּטרט ביי דרייסיק טויזנט יידן, ס׳געטאָ איז שוין געווען איינגע־שרומפּן. עפּעס פון צוויי געסלעך איז באַשטאַנען אונדזער וועלט. איך האָב געוווינט מיט דער מומען, פעטער און מיט נאָך מענטשן אין איין צימער. אַלע האָבן געאַרבעט אין די „שאָפּן". מיין פעטער און מומע האָבן נאָך געאַרבעט, נאָך געלעבט אין מיין זכות... איך האָב זיי געשאַפן די דאָזיקע פּריווילעגיע... וואָרעם מיין אַרבעט ביים אונטער־שטורמפירער איז געווען איבער אַלע קעניגלעכע פּריווילעגיעס... דער־שלאָגענע, דערשעפּטע פון שרעק, הונגער און שווערער אַרבעט, האָב איך די מענטשן אַלץ אַוועקגעגעבן, וואָס איז מיר דעם „גליקלעכן" געלונגען אַהיימצוטראָגן נאָכן אָפּקאָרמענען די קראָליקעס מיט די חזירים ביים אונטערשטורמפירער שולץ.

ווי זעט אויס דער ימח־שמו? — פלעגט דער פעטער פרעגן, בעת איך בין אויף דער נאַכט אַהיימגעקומען.

— דאַרפסט וויסן ווי ער זעט אויס? — פלעגט די מומע אָפּ־זיפצן, — איך האָב מורא ער זאָל אים חלילה... מ'ווייסט עפּעס? אַזאַ רשע!

נאָר דער פעטער האָט מיין אַרבעטן ביים אונטערשטורמפירער אויסגעטייטשט ווי אַ הימלזאַך, אַז מיר איז נאָך באַשערט עפּעס אַזעל־כעס און אַזעלכעס... „וועסט נאָך דערלעבן זייער סוף"! די מומע האָט געטענהט ס'איז ריקע, אַז דער המן האָט מיך אין די הענט און קען מיך צו יעדער רגע פּטרן...

— אפשר וואָלסטו נישט געגאַנגען צו אים? — פלעגט זי מיך בעטן — מ'עט דאָך נישט וויסן, ווו דיין געביין איז אַהינגעקומען...

דער פעטער האָט איר ניכטער אויפגעקלערט, אַז מיין גיין צו שולצן פאַרהיט זיי דערוויל פון טויט... די מומע איז דערפון געבליבן אומבאַפרידיקט.

— אַז ער כאָוועט אים קראָליקעס מיט הינער? — האָט דער פעטער צוגעגעבן — מיט נאָך און נאָך? וואָס טוט זיך מיט דיר?

— אַוודאי, אַוודאי! — האָט די מומע ביטער געשאָקלט מיטן קאָפּ— אַ וואַזשנער יחוס קראָליקעס! ס'וועט אים נעבעך פעלן ווער ס'זאָל פאַשען קראָליקעס...

כמעט יעדן אויף דער נאַכט האָבן זיי געהאַט די זעלבע אַמ־פּערניש. יעדן אויף דער נאַכט האָט די מומע מיך אָפּגעוואַרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש, מיט שווערע מחשבות, צי איך וועל אַהיימקומען, צי נישט. און ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי מיך אַרומגעכאַפּט, אַרומגעהאַלדזט, ווי אַ מאַמע אַ קינד, וואָס איז ניצל געוואָרן פון אַ קאַטאַסטראָפע, פון אַ געפאַר, ווייל דאָס בלויזע אַרויסגיין פונעם געטאָ און צוריקגיין אין געטאָ איז געווען אַ גיין דורך געפאַרן. אַ גיין צווישן לעבן און טויט...

פון די אַרבעטן פלעגן מענטשן צוריקקומען צעשלאָגענע, צע־בלוטיקטע אין געטאָ. טייל מאָל פלעגן זיי גאָר ווערן פאַרשלעפּט פון געשטאַפּאָ. אָט די געפאַר האָט מיך איין מאָל געפאַקט, בעת איך בין

געגאַנגען פון דער אַרבעט מיט נאָך עלף יידן. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ געסל נישט ווייט פון אונדזערע חושבדיקע געטאָ־געסלעך, ווי פלוצעם איז פאַר אונדז אויסגעוואַקסן אַ שוואַרצע טאַקסע. באַלד איז פון דער טאַקסע אַרויסגעשפּרונגען דער געשטאַפּאָ־שעף ראָטבליץ, אַ הויכער דייטש, וועגן וועמען איך האָב זיך געהאַט אָנגעהערט, אַז ער איז עפּעס אַ שרעקלעכע בעסטיע, אַ רוצח, וועלכער גאַסטראָלירט שטענדיק מיט זיינע מאָרדבאַנדעס אין די געטאָס אַרום ראַדאָם. ביי אים גופא איז דאָס מאָרדן אַ שפּיל, ער שפּילט זיך פריער מיט זיינע קרבנות, ווי אין עפּעס אַ ספּאָרט, און צערייסן קינדער, שטיקן קינדער איז ביי אים אויך אַ ספּאָרט...

בעת ער האָט די גרופּע יידן באַפוילן זיך אָפּשטעלן, האָב איך מיך אויסבאַהאַלטן הינטער זייערע פּלייצעס, ער זאָל מיך נישט דערזען. איך בין געווען דער ייגנסטער פון דער גרופּע, דער נידעריקסטער אין וווקס און מיט פּחד געהאָפּט אויף עפּעס אַ נס! אפשר וועט ער צו מיר נישט דערגיין? אפשר וועט ער מיך נישט באַמערקן?

אָבער נאָך דעם, ווי ער האָט אַ זיבן אַכט יידן שוין געהאַט אויסגעפרעגט אויף זייער עלטער און ווי עפּעס אַ „שאַנד" יעדן באַזונדער צוגעוואָרפן „און דו לעבסט נאָך?" — האָט ער פּלוצעם מיך גענומען רופן פון מיין „באַהעלטעניש". — „איצט בין איך פאַרלוירן. ווי אַזוי האָט ער מיך דערזען?"

פון מיין באַהעלטעניש האָב איך מיך צו אים אַרויסגערוקט, ווי אויף אָפּגענומענע פיס, בין געוואָרן נאָך קלענער פון מיין וווקס, עפּעס אַזוי איינגעשרומפּן בין איך געוואָרן, גלייך מ'וואָלט מיך טאַקע געפּאַקט ביים אָפּטאָן אַ פאַרברעכן...

— פאַרשטעקט זיך לומפּ? האַ? אַ ייד? — האָט ער אויף מיר געקוקט מיט אַ פּאָר צעיושעטע אויגן — זיך פאַרשטעקט? זאָ?

— ביי שולצן הער גענעראַל! — האָב איך גענומען שטאַמלען — איך אַרבעט ביים הער... אונטערשטורמפירער...

נאָר ער האָט שוין מיט איין האַנט מיך געשלעפּט פאַר די האָר און מיט דער אַנדערער מיר געררוקט אַ רעוואָלווער אין מויל.

— באַהאַלטסט זיך?

צי איך האָב אים דערנאָך נאָך עפּעס געענטפערט, געדענק איך נישט. ס׳קען זיין אַז נישט, וואָרעם זיין רעוואָלווער האָט אַלץ געשטעקט אין מיין מויל... ער האָט דאָס געוווער אַלץ טיפער דאָרטן געראָקט, עטלעכע מאָל עס אַרויסגעכאַפּט ווי ער וואָלט נישט וועלן מיך שיסן, נאָר אין פיין דערשטיקן... אַזוי האָט ער אין מיר גערוקט די שרעק, מיך געפּייניקט ביז חלשות. און שפּעטער ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך שוין נישט געפונען אין גאַס, איך בין געווען אין זיין וווינונג, אין עפּעס אַ טונקעלן צימער. ביים עפענען די אויגן האָט ער מיר גלייך באַפוילן מאַכן „קני בויגן", הייבן די קניען און זיי אַראָפּלאָזן. דאָס מאַכן „קני בויגן", האָב איך געמוזט אין דעם טונקעלן צימער כסדר איבערמאַכן און איבערחזרן, ווי איך וואָלט דאָס געדאַרפט „רעפּעטירן" צו עפּעס אַ פאָרשטעלונג.

— ווי איז דיין נאָמען? — האָט ער פּלוצעם געפרעגט.

איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען. ער איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער.

— שטיוול־פּוצער! — האָט ער אויסגעשריגן אין רציחה — ביי מיר האָסטו קיין נאָמען! דו ביסט שטיוול־פּוצער! ביסט אָן אַ נאָמען! פאַרשטאַנען?

איידער איך האָב „איינגעשטימט", אַז איך בין „אָן אַ נאָמען", אַז איך בין „שטיוול־פּוצער", האָט ער אין מיר גענומען באָמבאַרדירן מיט שטיוול. ער האָט זיי געשליידערט פון אַ ווינקל, דערביי קאָמאַנדעוועט איך זאָל נישט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, נישט פאַרשטעלן ס׳פּנים מיט די הענט... פון זיין אַטאַקע האָב איך נישט געקענט האַלטן אָפן מיינע אויגן. ווען איך האָב זיי געעפנט, זענען פאַר מיינע פיס געלעגן דריי פּאָר שטיוול. איך האָב זיך צו זיי אַראָפּגעבויגן... אויף אַלע איז געווען איינגעטרוקנט בלוט...

נאָכן דערלאַנגען מיר שוואַרצע פּאַסטע מיט אַ שוואַרץ פּוצבאַרשטל, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— אין בלוט פאַרשטייסטו עפּעס?

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

— נו, סאַראַ בלוט איז דאָס? אויף די שטיוול?

ער האָט מיך אָנגעמאָסטן מיט אַ פֿאַראַכטנדיקן בליק. — ס׳בלוט פֿון דיינע לומפּן — האָט ער אויסגערופֿן — רייניק!

דערנאָך איז ער אַוועק אין צווייטן צימער, פֿון וואַנען איך האָב געהערט זיין אַריינשרייען אין טעלעפֿאָן. איך האָב גערייניקט די שטיוול, „צי בין איך דער ערשטער וואָס רייניק זיי?" — האָב איך געקלערט — „און צי זענען נאָר בלויז זיינע שטיוול מיט אונדזער בלוט פֿאַרבלוטיקט?"

נישט איין טרער מיינע איז געפֿאַלן ביים רייניקן די פֿאַרבלוטיקטע שטיוול. ווען איך בין מיט זיי פֿאַרטיק געוואָרן זענען פֿאַרסאַפּעטע, אונטערטעניקע אַריינגעקומען צוויי יידישע פּאָליציאַנטן פֿון געטאָ. אָנווייזנדיק אויף מיר האָט ראָטבליץ זיי באַפֿוילן:

— דעם לומפּ פֿירט אָפּ אין געטאָ! מאָרגן פֿרי ברענגט אים אַהער... פֿאַרשטאַנען? — איך וועל אים דערשיסן...

— הער גענעראַל, דער יונג אַרבעט ביים הער אונטערשטורמפֿירער... — האָט איינער פֿון די פּאָליציאַנטן מיט צעשטרייטער אונטערטעניקייט אים צו וויסן געטאָן — ער אַרבעט ביים הער שולץ...

— איך איבער אַלעס! מיין באַפֿעל איבער אַלעס! — האָט ער דעם פּאָליציאַנט מכבד געווען מיט אַזאַ רציחהדיקן פּאַטש, אַז איצט קלינגט נאָך דער פּאַטש אין מיין האַרצן...

— פֿאַרשטאַנען? — האָט ער אָנגעשטעלט זיינע צעיושעטע אויגן סיי אויפֿן געפּאַטשטן, סיי אויפֿן אַנדערן פּאָליציאַנט — מאָרגן פֿרי ברענגט אים אַהער! איך וועל אים דערשיסן...

צומאָרגנס גאַנץ פֿרי, האָט אַ געטוישטע פּאָליציי־וואַך מיך צוגעשלעפּט אויף זיין הויף. ראָטבליץ האָט זיך נישט געוויזן. ער האָט אַוודאי נאָך געכאָלעט אין זיין געלעגער. דער הויף אַ גרויסער, אַ שטילער, מיט שטאַלן און מיט אַ גאַראַזש פֿאַר אויטאָמאָבילן — איז מיר עפּעס פֿאָרגעקומען ווי אַ פֿאַרמאַסקירטער בית־עולם אָן מצבות... וויפֿל ליגן שוין דאָ באַגראָבענע יידן אויף דעם הויף? און איצט? איז טאַקע איצט אויך די ריי אויף מיין געביין?

די פּאָליציאַנטן האָבן מיר נאָכקאָנטראָלירט יעדן טריט, מיין יעדן באַוועג. נאָך אין געטאָ האָבן זיי צו מיר נישט צוגעלאָזט נישט

דעם פעטער, נישט די מומע, וועלכע האָבן נישט געוווּסט וואָס מיט מיר וועט פּאַסירן... כ'האָב אויך נישט געוואָלט זיי זאָלן עס וויסן... „קאָצקער אייניקלעך! קוקטס נאָר אָן דאָס פּעקל צדיקים!“ — האָבן זיי געליאַרמעט אָפּיאָגנדיק פון מיר דעם פעטער מיט דער מומען און די אַנדערע פון שטוב. איצט זענען די פּאָליציאַנטן אויף מיר אַרויף מיט געשרייען, מיט זידלערייַ, אַז זייער לעבן איז פאַר מיר גאָרנישט, נאָר זיי וועלן מאַכן פּאַרקערט. וואָס זיץ איך נישט? וואָס קוק איך? צי וויל איך אַנטלויפן? איך האָב זיך אַנידערגעלייגט, וואָרעם זייער פּלאַפּלערייַ און זייערע פּנימער זענען מיר שוין געוואָרן עקלהאַפט, ווי זיי וואָלטן מיר געווען אין אַלעם שולדיק. און ווען איך האָב גענומען קוקן אין דער ערד אַריין, ווו איך וועל באַלד אויף אייביק אַרייַנגעפּאַקט ווערן, האָבן זיי אויך גענומען שרייען און זידלען. נאָר דאָס האָבן זיי שוין אַוודאי געשריגן און געזידלט, ווייל אין אַ פענצטער אויפן צווייטן שטאָק האָט זיך פּונקט באַוויזן דער געשטאַפּאָ־שעף. דאָס האָבן זיי אים שוין געוואָלט ווייזן, ווי שטרענג זיי זענען צו מיר...

אין פענצטער איז ראָטבליק געשטאַנען אין אַ ווייס העמד. פון אַזאַ ווייסקייט איז עס געווען דאָס העמד, אַז ווען ער איז אַראָפּ צו אונדז, האָט ס'ווייסקייט געשטאָכן, ס'פינצטערניש פון מיינע נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן. עפּעס אַ ווייס העמד אויף מיין פינצטערער וועלט! גאָט, גאָט, איך זע עס נאָך איצט! רוצחים אין ווייסע העמדער! צום העמד האָט ער געטראָגן גראַנאַטענע גאַליפע־הויזן, שוואַרצע, גלאַנציקע שטיוול, מסתמא די זעלבע שטיוול, פון וועלכע איך האָב נעכטן אָפּגעריייניקט דאָס איינגעטרוקנטע בלוט...

— האַ, האַ! — האָט ער אויסגערופן — געבראַכט דעם לומפּ?

— אייער באַפעל, הער גענעראַל! — האָבן די פּאָליציאַנטן אָפּגעענטפערט.

— הער גענעראַל! — בין איך מיט אַ קבֿרדיק קול אויפגעשטאַנען פון דער ערד — איך בין באַשעפיקט ביים הער אונטער־שטורמפירער... הער גענעראַל, פרעגן זי אויף מיין נאָמען...

— שטיוול־פוצער, האָסט קיין נאָמען! ביסט נאָמענלאָז! שטיוול־פוצער!

— הער גענעראַל! — האָב איך ווידער געפּרוּווט אויסרעכענען פאַר אים אַלע מיינע אַרבעטן ביי שולצן — הער גענעראַל!

— האָסטו עלטערן? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ.

— ווילסטו צו זיי?

— יאָ, הער גענעראַל!

— און אויך צום אונטערשטורמפירערס קראָליקעס ווילסטו?

— יאָ.

זאָ. זאָ! — האָט ער גענומען אַרויסציִען אַ גרינעם צענטימעטער פון הויזן־קעשענע.

— „צום הער שולצנס קראָליקעס ווילסטו אויך?" — און נאָכן געבן די פּאָליציאַנטן אַ קאָמענדע צו ברענגען לאָפּאַטעס פון שטאַל, צו גראָבן פאַר מיר אַ קבר — האָט ער געגרייט דעם צענטימעטער אַראָפּצונעמען פון מיר אַ „מאָס" פאַרן קבר... און כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז מיין דערצערנען אים מיט עפּעס, וועט אויסגיין צו די קעפּ פונעם רעשטל יידן אין געטאָ — דעם „צענטימעטער" האָב איך אויף זיך נישט צוגעלאָזט, ווי מ׳לאָזט נישט צו אַ גיפטיקע שלאַנג...

— ווי אומדערצויגן! אומאַנשטענדיק! — האָט ער אויף מיר גענומען בילן, — האָסט קיין דערציונג לומפּ! ווען איך שיס עמעצן אויף באַגראָבן מוז איך נעמען די מאָס...

דער באַשעפער פון קברים האָט פאַר מיר אויסגעגענעצט אַ דרשה, אַז ער האָט שוין אַ גאַנצע קאָלעקציע אַזעלכע „מאָסן"... דערביי האָט ער געיאָגט ס׳בלוט פון די פּאָליציאַנטן, זיי געפּאַטשט איבער די קעפּ שנעלער צו גראָבן ס׳קבר. ווען דער גרוב איז שוין געווען באַלד פאַרטיק, די פּאָליציאַנטן פאַרמאַטערטע, שווער דערשוויצטע, האָבן זיך אַ וויילע אָנגעשפּאַרט אויף די לאָפּאַטעס, האָט ער אויף ס׳ניי איינעם נאָכן אַנדערן מכבד געווען מיט פּעטש און באַפוילן דעם גרוב צוריק פאַרשיטן.

— ווען דאָ נישט שטינקען! — האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן — איך וועל דיך שיסן ערגעץ אַנדערש... וועסט ערגעץ אַנדערש שטינקען.

מיט אייליקע טריט איז ער באַלד אַוועק אין גאַראַזש און באַלד איז פון דאָרטן אַרויס די זעלבע שוואַרצע טאַקסע, פון וועלכער איך האָב אים געכטן געזען אַרויסשפרונגען. די פּאָליציאַנטן האָבן מיך אַריינגעוואַלגערט אין ווייכן געזעס פון אויטאָ און ער, נישט אומקוקנדיק זיך אויף מיר, האָט אַ יאָג געטאָן די מאַשין פון הויף אַרויס.

די וועלט איז געווען פאַרגאָסן פון זון. אָבער פאַר מיר? פאַר מיר איז דער רוצח געזעסן ביים רעדל אין ווייסן העמד. ער האָט געיאָגט די מאַשין גאַס איין, גאַס אויס. הינטער דער שטאָט האָט ער גענומען פאָרן פאַמעלעכער. ביי יעדער הינטערשטאָטישער ליידיקייט, ווו ס׳האָט זיך נישט געזען קיין הייזער, נאָר פעלדער אוןביימער, האָט ער דעם אויטאָ אָפּגעשטעלט. „די ערד דאָ געפעלט דיר?" — האָט ער געפרעגט. נישטאָ קיין וווּנדער אויף דער ערד! אַלע וווּנדער זענען אין די הימלען פאַרשלאָסן. וואָלט די ערד מסוגל געווען אויף וווּנדער, וואָלט זי געעפנט אַן אָפּגרונט פאַר דעם רוצח. אָבער די ערד איז אויך אַ מאַמע פאַר רוצחים... „דאָ געפעלט דיר?" — האָט ער ווידער אַ מאָל געפרעגט. דערנאָך האָט ער אָפּגעשטעלט די מאַשין ביי אַ סטאַוו. זשאַבעס האָבן געקוואַקעט. „און דאָ געפעלט דיר?" פייגל האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די קוסטעס ביים סטאַוו. נישטאָ קיין גרעסערע קנאה אויף דער וועלט, ווי דאָס אָפּפליען פון די פייגל האָבן אין מיר אַרויסגערופן! אפשר צוויי שעה האָט ער געזוכט אַן אָרט, ווו מיך אומצובריינגען... צום סוף האָט ער די מאַשין אָפּגעשטעלט אויף אַ הויף. אינעם ערשטן אויגנבליק האָב איך דעם הויף נישט דערקענט. נאָר ס׳איז געווען זיין הויף. איך האָב דערזען די שטאַלן, דעם פריש פאַרשאָטענעם גרוב, ווו איך האָב שוין באַדאַרפט ליגן אַ באַגראָבענער...

— און איצט? — האָט ער געפרעגט — וואָס, וואָס זאָל איך מיט דיר מאַכן? האָסטו ליב דעם הער שולץ מיט זיינע קראָליקעס?

— יאָ, הער גענעראַל!

— און מײַנע שטיוול װער װעט פּוצן? װעסטו קומען מײַנע שטיוול פּוצן?

איך געדענק נישט װאָס איך האָב געענטפֿערט פֿון צעמישונג. איך געדענק נאָר, אַז װען ער האָט מיר געגעבן די פֿרײַהײט אַװעק־צולױפֿן צום אונטערשטורמפֿירערס קראָליקעס, זענען זײ מיר געװאָרן די ליבסטע באַשעפֿענישן אויף דער װעלט. און אויף דער װעלט איז דעמאָלט קײן טראָן־באַזיצער נישט געװען אַזױ גליקלעך, אַזױ פֿרײַ. אַזױ פֿרײַ איז נאָך קײנער נישט געװען.

געיאָגטע מענטשן

כאָטש אין זייערע איינגעהאַנדלטע דאָקומענטן זענען די ברידער סאַנדלער מיט זייערע פרויען און מיט זייער גרויער, אַלטער מוטער — אַלע געווען „פּאָליאַקן”, האָבן זיי פונדעסטוועגן קיין אמתע פּאָליאַקן נישט געוואָלט איצט באַשעפטיקן ביים אויפרוימען זייער נייער וואַרשעווער וווינונג, ווו קיין איינציק מעבלשטיק איז נישט געשטאַנען אויף זיין אָרט, ווו אַלץ האָט אויסגעזען נאָך אַ בלוטיקער אַוואַנטורע, מיט סימנים פון בלוט.

אַלץ אין דער וווינונג איז געווען איבערגעקערט. אין איין שטוב איז געווען אָנגעמיסטיקט מיט צעהאַקטע טעפּעלעך, פּאָרצעלייענע טעלער־שערבעלעך, פאַרבלוטיקט פּאַפּיר און פאַרבלוטיקטע שמאַטקעלעך. אָבער נישט בלויז דאָס פּאַפּיר מיט די שמאַטקעלעך זענען דאָ געווען מיט בלוט אָנגעזאַפּט. אויך אויף די ווענט האָבן זיך געזען בלוטפלעקן. אין די ברוינע, הילצערנע בעטן, וואָס זענען אַרויסגעפּאָרענע געשטאַנען אין מיטן צימער, ווי אין עפּעס אַן אָפּעראַציע־זאַל, — אויך אויף זייערע מאַטראַצן זענען צונויפגעשרומפּן געלעגן ווייסע, מיט בלוט געפלעקטע ליילעכער, גלייך אַ כירורג וואָלט דאָ עמעצן אָפּערירט, אָדער אַ פרוי וואָלט דאָ בעת אַ געבורט איר בלוט מקריב געווען.

די אַנדערע שטוב האָט אויסגעזען נאָך מער פּאַגראָמירט ווי די ערשטע. דאָ איז שוין נישט בלויז דאָס מעבל געווען אַרויסגעפּאָרן און אַרויסגערוקט; די פּאָדלאָגע, נישט בלויז מיט שמוץ און פאַרבלוטיקטע שמאַטקעלעך פאַרלייגט, נישט בלויז צוויי גרויסע אומגעוואַלגערטע פּירפּיסיקע טישן, וואָס מיט זייערע אומגעלייגטע דיקע פיס האָבן זיי דערמאָנט צוויי געפאַלענע פערד — אויסער דעם אַלעם זענען דאָ

די וועגט געווען פיל מאָל געהאַקט: אין יעדער וואַנט גרויסע, אויס־געקראַבעטע לעכער, גלייך נישט איין מענטש וואָלט אין זיי געזוכט באַהאַלטענע, איינגעמויערטע אוצרות.

אין דעם אַלעם זענען די סאַנדלערס אינעם ערשטן מאָמענט גע־בליבן שטיין אַזוי צעטומלט, ווי דאָ וואָלט געווען זייער וווינונג שוין פון לאַנג, גלייך זיי וואָלטן פון דאַנען געווען ערגעץ ווייט אַוועקגע־פאָרן און איצט צוריקגעקומען.

שפּעטער, עטלעכע מעת־לעת נאָך דעם ווי די סאַנדלערס האָט זיך איינגעגעבן די לעכער אין די ווענט צו פאַרלאַטען, ביז זיי האָבן עפּעס אויסגעפונען ביים באַלעבאָס די לעכער צו פאַרשמירן, ביז די אומגעלייגטע קרעדענסן, בעטן און טישן און אַלץ אין קיך אויף פּאַ־סיקע ערטער איינצושטעלן — דעמאָלט האָט זיך פּלוצעם געיאַוועט דער באַלעבאָס, אַ קליין בייכיק מענטשל. דאָס מענטשל האָט מער געקוקט אויף די פאַרלאַטעטע ווענט, אויפן איינגעשטעלטן מעבל, ווי אויף די סאַנדלערס. ער האָט געקוקט מיט מידע אויגן און מיט נאָך אַ מידער קול אַ זאָג געטאָן:

— עס טוט מיר לייד מיינע הערשאַפטן. איר מוזט זוכן אַ צווייטע וווינונג...

— אַ צווייטע וווינונג? — האָט דער עלטערער סעגאַל צעטומלט אָפּגעהוסט — וואָס איז געשען?

— פאַר מיר איז דאָס אַן איינשטעלעניש — האָט דער באַלעבאָס אָפּגעענטפערט קוקנדיק נאָך אַלץ אויף די ווענט און מעבל — אין די שטובן דאָ האָבן שוין געוווינט אייערע... האָט זיי געשטאַפּאָ פון דאַנען אַרויסגענומען... ערשט מיט אַכט טעג צוריק ערגעץ אַוועקגעפירט... — האָט ער אָפּגעזיפצט — צעבלוטיקטע, קוים זשיפּענדיקע מתים זיינען דאָס שוין געווען... יאָ, יאָ... ווען נישט אייער ברודער — האָט ער מיט זיינע מידע אויגן אַ בליק געגעבן אויפן יינגערן אויסגעבלייכטן סעגאַל — איר אַלע וואָלט דאָ געקענט בלייבן... איר אַלע זענט נאָך מיטצודערליידן... ווי קריסטן... אָבער אייער ברודער... איך ווייס נישט וואָס ער איז אייערס... מיינע הערשאַפטן...

— גאָט, גאָט! — האָט די אַלטע סעגאַל אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין.

באָבעשי וויינט נישט! באָבעשי! — האָט דער בייכלדיקער באַלעבאָס זי געוואָלט באַרויקן.

די אַלטע האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט. די זין מיט זייערע ווייבער האָבן זיך אָנגעקוקט צעטומלטע און פאַרלוירענע, ווי געטריבענע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט פון אַ שווערן וועג און מ׳נעמט זיי שוין ווידער טרייבן, ווידער אַ מאָל יאָגן און ווייסן נישט ווען און ווו דאָס יאָגן און טרייבן וועט זיך ענדיקן.

זינט זיי זענען אַרויס פון לעמבערג אויף די איינגעהאַנדלטע פאַרפוילישטע דאָקומענטן, איז עס שוין די דריטע וווינונג דאָ. נאָכן איבערכאַפּן אַ פינף, זעקס נעכט אין דער ערשטער וווינונג, האָט אויך יענער באַלעבאָס זיי שטיל געעצהט צו געפינען אַ צווייטע דירה — און נאָך צוויי וואָכן אָפּזיין אין דער צווייטער דירה, האָט זיך מיט אַ מאָל געמאָלדן אַ פאַרשוין אין אַן אויסגעריבענעם, לעדערנעם, שוואַרצן מאַנטל, מיט אַ סמאָלע שוואַרץ לעדערן היטל אויפן קאָפּ, און ווי שוואַרץ ס׳איז געווען זיין הולך — אַזוי שוואַרץ, כמעט אָן ווייסאַפּלען, זיינע געהיימענישפולע אייגלעך פון אונטערן ברייטן דאַשעק אַפּער.

נאָכן איבערציילן וויפל מענטשן די סאַנדלערס זיינען, האָט ער גלייך גענומען פאַרלאַנגען „אויסקויפגעלט” פאַר יעדן באַזונדער... דערנאָך איז דער פאַרשוין ווידער געקומען, נאָך יעדע פאָר טעג געקומען ווי צו בעלי־חובות, און שטענדיק, נאָכן אָפּנעמען זיין „געהאַלט”, פלעגט ער נישט באַלד אַוועק, — פלעגט נאָך אונטערזיצן אַ שעה און צוויי, דערציילן וויפל יידן ער האָט שוין געטאָן „טובות”... וויפל מענטשן געהאָלפן פונעם געטאָ... דער פאַרשוין פלעגט נישט בלויז רעדן און דערציילן, — מיט זיינע פאַרגראָבענע אייגלעך אונטערן ברייטן, לעדערנעם דאַשעק, פלעגט ער פאָרשנדיק שנאַפּן אין אַלע ווינקלען, אומעטום קוקן, גלייך ער וואָלט אין יעדן ווינקעלע עפּעס געזוכט עפּעס אַ באַהאַלטענע נעסט פון באַהאַלטענע מענטשן...

— בעסער וואָלט איך געשטאָרבן! — קען זיך די אַלטע נישט באַהערשן פון וויינען, דערמאָנענדיק זיך דעם פאַרשוין מיטן וואָגלען פון איין דירה אין דער אַנדערער — בעסער וואָלטן זיי מיך שוין אַוועקגעשיקט אין קרעמאַטאָריע!... איידער אַזאַ מוטשעניש, אַזאַ מוטשעניש...

די אַלטע איז געבליבן שטיין אָן כוחות, גלייך זי וואָלט שוין געווײנט עטלעכע שעה.

— אַזעלכע צייטן, איך בין נישט שולדיק... — האָט דער באַלע־באָס זיך גענומען ווי פֿאַרענטפֿערן, זעענדיק דער אַלטערס טרערן — אויף אָט די ווייבלעך וועט קיינער נישט זאָגן זיי זענען יידישע... — האָט ער אָנגעוויזן אויף די סאַנדלערס פֿרויען — און מיט אייך אַל־טיטשקע, קען מען אויך דורכקומען... אָבער אייער ייִנגערער זון...

אַ בלייכער, אָן לשון, ווי אַ שווער פֿאַראורטיילטער אַרעסטאַנט, ווען מען כאַפּט בעתן אַנטלויפֿן פֿון תפֿיסה — אַזוי האָט איצט אויס־געזען מאַרק סעגאַל הערנדיק די רייד פֿון באַלעבאָס. ער האָט נאָך פֿון פֿריער געוווּסט, מאַרעק, אַז דאָס שלעפּן פֿון דירה צו דירה איז איבער אים, אפילו דאָס אַרויספֿאָרן פֿון לעמבערג דאָ אַהער, נאָך וואַרשע, איז אויך געשען צוליב אים — אָבער קיין מאָל איז אים זיין שולד נישט פֿאָרגעקומען אַזוי שווער ווי איצט. מיט אַ מאָל איז אים געוואָרן קלאָר, אַז ער איז דאָ אַן אונטערסקריפּנדיק ראָד אין דעם ביטער געיאָגטן פֿאַמיליע־וואָגן...

— איך בין נישט שולדיק... — האָט דער באַלעבאָס, ווי פֿון ע־פּעס געקוועלט זיך גענומען דרייען ביים אַרויסגאַנג — מיין אייגענעם קאָפּ מוז איך אויך היטן...

— און אויב איך אַליין וועל זיך אַרויסציען? — האָט מאַרעק געפֿרעגט דעם באַלעבאָס, פֿילנדיק ווי עס כאַפּט אים אָן אַ נאָגעניש ביים האַרץ — וועלן זיי דאָ קענען פֿאַרבלייבן אָן מיר?...

— דאָס איז אייער זאַך — האָט דער באַלעבאָס מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפֿערט — איר האָט צייט ביז אין דער פֿרי... ביז אין דער פֿרי, מיינע הערשאַפֿטן...

אַז דער באַלעבאָס איז אַרויס איז מאַרעק ווי געוואָרן אַריינגע־נומען אין אַ מענטשנרייף. זיין אייגן ווייבל, דעם ברודערס פֿרוי, דער ברודער און די אַלטע האָבן אים אַרומגערינגלט, ווי מען רינגלט אַרום אַ חולה, וואָס הייבט פּלוצעם אָן רעדן וועגן שטאַרבן.

— אין געטאָ וועל איך מיך ציען! אין געטאָ! — האָט מאַרעק אַ בלייבער זיך גענומען רייסן פון זיי — אַזוי פיל יידן אין געטאָ, וועט זיין נאָך אַ ייד!

— וואָס עפּעס אין געטאָ? גאָט מיינער! — האָט די אַלטע גענומען קלאָגן — מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג אויסבאַהאַלטן פון געטאָ, ווילסטו גאָר איצט געטאָ? נאָך אַזוי פיל פּלאָגענישן און צרות זיך איבערגעבן די מערדער?

— אַ משוגעת! — האָט דער עלטערע סעגאַל זיך געקאָכט — מענטשן ליגן אין גריבער, אין קאַנאַלן — מיט שטשורעס... אין בונקערס ליגן מענטשן און קלערן נישט וועגן גיין אין געטאָ — האָט ער זיך גאָר אַריינגענומען געטאָ אין קאָפּ! אַריינקומען אין געטאָ מיינט ער איז עפּעס איצט אַ שפּילעכל! ס׳איז פּונקט אַזאַ שפּילעכל, ווי פון דאָרט זיך אַרויסצוקריגן!

יעדער האָט עפּעס געזאָגט, יעדער האָט דעם אויסגעבלייכטן מאַרעקן צוגעטראָגן אַן אַנדער וואָרט, אַן אַנדערן באַווייז, און אַלע צוזאַמען האָבן אים געוואָלט ווי מנצח זיין, גלייך זיי וואָלטן פאַר זיך געהאַט אַ קינד, וועלכעס מ׳דאַרף מנצח זיין, אָפּווענדן פון שלעכטער אויפפירונג. און כאָטש מאַרעק איז איצט טאַקע געווען איינגעשפּאַרט אין ס׳זייניקע ווי אַ קינד — דאָך האָט ער געשוויגן. די נאָגעניש, וואָס האָט אים נאָך פריער געהאַט אָנגעכאַפּט, איז איצט איבערגעגאַנגען אין אַ חלשות און נישט אָפּגעלאָזט זיין האַרץ. דאָס אויסגעבלייכטע פּנים זיינס איז מיט אַ מאָל געוואָרן ווי טויט. ס׳האָט אים גענומען אויספעלן אָטעם, ווי איינעם וואָס קומט אַרויס נאָך אַ לאַנגן אונטערזיצן אין אַ הייסער, פאַרעדיקער שוויצקאַמער.

* * *

שפּעטער אַ ביסל, ווען דער בייכלדיקער באַלעבאָס איז ווידער אַ מאָל אומגעריכט געקומען אַ צעיאָכמעטער, ווי פון עמעצן געטריבן, אַז זיי זאָלן שוין אַלץ איינפּאַקן, זיך שוין אַרויסציען — זענען די סאַנדלערס שוין געזעסן שווייגנדיקע, פאַרזאָרגט און ווי שולדיקע נאָכגעפּאָרשט יעדן באַוועג פון מאַרעקס געענדערטן פּנים. ער איז געלעגן

אין בעט אַ פֿאַרזונקענער אונטער קאָלדרעס ביזן האַלדז, מיט אַן אַרומ־געבונדענעם קאָפּ. נאָכן אַ קוק געבן אויף זיין געענדערטן אויסזען איז דער באַלעבאָס געבליבן שטיין ווי אין פֿאַרלעגנהייט.

— מאָרגן אין דער פֿרי מוזט איר פֿאַרלאָזן די וווינונג — האָט ער שטיל געמאָלדן — מאָרגן אין דער פֿרי.

די סאַנדלערס האָבן אים נאָכגעקוקט ביים אַוועקגיין, ווי ער וואָלט זיי אָנגעזאָגט, אַז „מאָרגן" איז זייער אונטערגאַנג... זיי זענען געווען צערודערט. צערודערט פון זיינע רייד, און נאָך מער דערפֿון, וואָס צום קראַנקן האָט מען קיין דאָקטער נישט געקענט רופן און נישט געטאָרט רופן. און פֿאַר נאַכט צו, בעת מאַרעק האָט זיך גענומען דרייען און וואַרפֿן פון היץ, איז אַפֿילו נישט געווען קיין טערמאָ־מעטער די היץ צו מעסטן. אָבער לויט דעם ביסל רויטקייט, וואָס איז קאַרג אַרויסגעשוווימען אויף זיינע איינגעפֿאַלענע באַקן, לויט זיינע אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער און דער עיקר פֿון זיינע דערהיצטע הענט האָבן די סאַנדלערס זיך משער געווען, אַז ער האָט הויכע טעמפּעראַ־טור. אָבער מער ווי מיט אויסגעדרענגטע טיכער צום קאָפּ האָבן זיי אים נישט געקענט העלפֿן. זייער האָפֿענונג איז נאָר געווען די נאַכט זאָל אַנטרונען, וועט אפשר דאָס גליעכץ פון אים אויך אַנטרונען. אָ־בער די נאַכט איז פֿאַרן קראַנקן געווען אַזאַ שווערע, אַז די סאַנד־לערס גופא האָבן זיך באַוועגט, ווי מענטשן וואָס וואַרטן אָפּ דאָס אויספֿירן איבער זיי אַ טויטאורטייל.

— און דאָ מוז מען שוין אַרויס... פֿאַר טאָג אַרויס... — האָט די אַלטע זיך געשלעפּט פון איין צימער אין אַנדערן — וווהין וועלן מיר גיין? וואָס וועט זיין? וואָס וועט דאָ זיין?...

נישט איין מאָל האָט זי געהאַט איינגעדרימלט, נישט איין מאָל זיך אויפֿגעכאַפּט — און כדי ווידער אַ מאָל נישט איינצודרימלען האָט זי געשאַרט די זקנהשע פֿיס איבער די גרויסע שטובן, זיך געשלעפּט פון איין צימער אין אַנדערן, געציטערט, ווי ס'ציטערן מענטשן אין אַ שפּיטאָל־קאָרידאָר נאָכן אָפּגעבן דאָרט אַן אייגענעם אויף אַ שווערער, לעבנסגעפֿערלעכער אָפּעראַציע — און ציטערן — צי דער חולה וועט זיך נאָך אומקערן צום לעבן פון אונטערן מעסער.

— וווהין וועלן מיר גיין? וווהין וועלן מיר אים נעמען?

אַ גאַנצע נאַכט כמעט האָט זי באַהאַלטן געוויינט אין קאָרידאָר, אין קיך, אין אַנדערן צימער, נאָר נישט ווו דער קראַנקער איז געליגן. זי איז ווי גרויער און איינגעשרומפּענער געוואָרן איבער נאַכט, און פּאַר טאָג, ווען ס'האָט זיך גענומען בעסערן דאָס אָטעמען פונעם קראַנ־קנס, מיט היץ אויסגעבאַקענעם האַלדז אַרויס, ווען די בלאָנדקעפּיקע פרויען, נישט אויסגעשלאָפענע, האָבן אים געמוזט פּאָרזיכטיק העלפן ביים אויפזעצן זיך — האָט דער בייכלדיקער באַלעבאָס שוין געקלינגען און געקלאַפּט אין דער טיר. נאָך מער צעיאַכמערט ווי נעכטן און ווי פון עמעצן אויף ס'ניי אונטערגעטריבן, נישט אָן אויפגערעגקייט, ווי ביי עפּעס אַ שרפה־געפאַר, אַ זאָג געטאָן:

מיינע הערשאַפטן! פּאַקט אַלץ! פאַרלאָזט שוין די ווינונג!

די סאַנדלערס זענען געבליבן צעטומלטע, גלייך זיין קומען וואָלט פּאַר זיי געווען עפּעס אומגעריכטס, נישט דערוואַרטס. די אַלטע איז אַוועקגעפאַלן מיט אַן אָכצעניש אין אַ שטול, ווי פון עמעצנס אַ מעכ־טיקן קלאַפּ. דער עלטערער סאַנדלער האָט גענומען צונויפשטעלן ס'ביסל געפעק. דער קראַנקער האָט זיך צעקרעכצט. און די פרויען, כאָטש צעטומלטע ווי פון עפּעס אַן אַליאַרם, האָבן דעם קרעכצנדיקן מאַרעק מיט נאָך מער פאָרזיכטיקייט, ווי פריער ביים אויפזעצן אים, איצט גענומען אַרויפציען אויף אים אַ וואַרעם לייבל, נאָך אַ פּאָר גאַטקעס, און אַלץ מיט אַזאַ פאָרזיכטיקייט, מיט אַזאַ ציטערדיקייט, ווי אויף אַ ניי געבוירן קינד.

גאָט, גאָט! — האָט די אַלטע פאַרשטיקט געזיפצט אין דער שטיל, הערנדיק דעם קראַנקנס קרעכצערייען.

עפּעס אַ חושך האָט איר שוואַרץ געמאַכט דאָס צימער. דאָס סאַפען פונעם עלטערן זין ביים צונויפפּאַקן ס'ביסל געפעק, דאָס אויפ־גערעגטע קול פון באַלעבאָס, די קרעכצערייען פון קראַנקן זענען איר פאָרגעקומען, גלייך מענטשן וואָלטן געקראָכן איינס אויף ס'אַנדערע, זיך געאַמפּערט אין עפּעס אַ פינצטערניש. און ווי פון אַ פינצטערניש אין אַ נאָך שווערערער פינצטערניש — אַזוי איז זי געגאַנגען ביים

פֿאַרלאָזן די וווינונג און ווען די פּרויען האָבן מיט ציטערניש און שרעק געפֿירט דעם קראַנקן פֿון די טרעפּ, איז איר פֿאָרגעקומען, אַז זיי גייען נישט, נאָר ראַנגלען זיך, אויך זי ראַנגלט זיך, — גלייך זיי וואָלטן נישט געגאַנגען איבער טרעפּ, נאָר מיטגעזונקען אין אַ צע־בראָכענער, פֿינצטערער שיף בײַ נאַכט, ווו אַלץ ווערט אין פֿינצטערניש געשלעפּט צום אָפּגרונט.

דריי קברים

נאָך אַנדערהאַלבן מעת־לעת איז דער זעלבסטמערדער נאָך אַלץ געלעגן פון זיינע מלבושים נישט גערירט, נישט איבערגעדעקט, נישט הויך באַוויינט און נישט אויפן קול באַקלאָגט.

אין שטוב איז געווען שטיל, ווי עפּעס אַרום אַ שווערן חולה וואָס איז נאָך שווערע מאַטערנישן פלוצעם איינגעשלאָפן און מען היט זיך דעם חולה נישט איבערצוּוועקן.

שמחה בינעם דער רייכער יובילער־סוחר פון ביעלאַנסקע איז געזעסן ווי אַ שומר סיי ביים וויב, סיי ביי דער מוטער, אַכטונג געטאָן, אַז זייער געוויין זאָל נישט אַריינשלאָגן צו די פּוילישע שכנים. דער ברייט־ביייניקער, הויכער שמחה בינעם האָט נישט דערלאָזט קיין שום געשריי פון די פרויען, קיין שום אויסברוכן פון ספּאַזמעס. דעם ברודערס אומ־נאַטירלעכער טויט האָט ער געוווּסט מוז ווערן פאַרביסן, ווי מענטשן אין אַ געהיים באַהעלטעניש מוזן פאַרבייסן זייער אָפּקומעניש, זיך אָפּ־האַלטן פון אַ הויך וואָרט אפילו דאַן ווען עמעצער אין דער באַהעל־טעניש שטאַרבט פלוצעם.

— ווי ס׳זאָל גאָרנישט האָבן געשען — האָט ער צום וויפלטן מאָל געבעטן ביי דער אַלטער און ביים וויב מאַשע, וואָב האָט זיך צו אים כסדר געטולעט, אַ פאַרוויינטע אים אַרומגעהאַלדזט.

— וואָס ער האָט געטאָן, וואָס ער האָט געטאָן — האָט מאַשע געטולעט איר קאָפּ אין מאַנס ברוסט אַריין, ווי זי וואָלט דאָרטן קובר זיין דאָס קלאָגן איבערן טויטן.

— ער האָט דאָס נישט געקענט איבערטראָגן — זיפֿצט די אַלטע. שווער איז אים נעבעך געווען איבערצוטראָגן... שאָקלט זי מיטן קאָפּ צום מת.

עפּעס אַ טאָפּלט וואָרגעניש שטיקט זי וואָס זי קען נישט דעם טויטן הויך באַוויינען, אויפֿן קול באַקלאָגן.

מיט חדשים צוריק, ווען צו שמחה בינעמען איז דערגאַנגען, אַז די דייטשן פֿירן די יידן פֿון געטאָ אין קרעמאַטאָריעס, — האָט ער גע־וואָרפֿן אַ פֿאַרמעגן פֿאַר אַרויסנעמען די מוטער מיטן ברודער פֿון דער פֿראַנצישקאַנער גאַס. דערנאָך האָט גענומען וואָכן ביז ס׳איז אים געלונגען די אַלטע גרויע מוטער „אָפּצושמדן״ מיט עפּעס אַ גוישן נאָ־מען אַלס קאַטוילישע פֿרוי און אַלס פֿרעמדע. מיטן ברודער האָט זיך גאָרנישט געלאָזט אויפֿטאָן. זיין יידישער אויסזען איז געווען צו שרייענ־דיק. זיינע יידישע אויגן האָבן זיך נישט געלאָזט איינשפּאַנען אין קיין שום פֿרעמדע נעמען. ער האָט דאָ געמוזט זיין געהיים אויסבאַהאַלטן, ווי עפּעס אַן אַרטיקל, פֿאַר וועלכעס ס׳דראָט טויטשטראָף.

איצט האָט מען אים אויך געדאַרפֿט געהיים אַרויסנעמען פֿונעם הויז, געהיים ברענגען צו קבורה.

אָבער ווי איז דאָס בית־הקברות, ווו שמחה בינעם זאָל קענען דעם מת קובר זיין? אויף וועלכן בית־עולם זאָל ער זיין קבר גראָבן, אַז דער מת האָט נישט קיין שום בית־עולם?

גענשער בית־עולם איז אין געטאָ. קען דען שמחה בינעם דאָרטן היינט צוקומען, ווען ער זאָל אפילו טראָגן דעם מת דורך אונטער־ערדישע קאַנאַלן?

— וואָס טוט מען? — האָט ער דורך אַנדערהאַלבן מעת־לעת געזוכט אַן עצה ביים ווייב. — וואָס טוט מען מאַשע?

זיין קאָפּ איז געווען פֿאַרפֿינצטערט, צערודערט, ווי עס וואָלט אים פֿאָרגעשטאַנען צו גנבנען דעם מת דורך גרענעצן פֿון פֿרעמדע, ווייטע לענדער.

— מיינע פֿינצטערע וועלטן! — האָט די אַלטע פּלוצעם אָנגע־הויבן מיט אַ ניגון — אָן פֿראַנצישקאַנער איז חושך מיין וועלט!

— מאַמע, מאַמע — האָט מאַשע אַ פּאַרוויינטע אַריבערגערעדט צו דער שוויגער אויפן בעט,

אַ צונויפגעשרומפּענע איז די אַלטע געזעסן. אַ וואַטענע געלב־לעכע קאָלדרע איז געווען פאַרוואָרפן אויף אירע פּלייצעס. איר אויס־געטרוקנט פּנים איז געווען עפּעס ווי אַ טייל פון דער קאָלדרע. עפּעס אַזאַ פאַרב האָט עס געהאַט. אַ געלבקייט איז געווען פאַרגליווערט אין די ווייסאַפּלען פון אירע אויסגעלאָשענע אויגן. אַ צוזאַמענגעבראָכענע וועלט האָט פון זיי אַרויסגעקוקט, תוהו ובוהו און אונטערגאַנג.

— ווען פראַנציסקאַנער גאַס וואָלט געווען — האָט זי דעם ניגון נאָך מער פאַרשטאַרקט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— איר מאַכט אונדז אומגליקלעך — האָט מאַשע זיך צוגעזעצט צו דער אַלטער, נישט לאָזנדיק איר דערמאָנען די פראַנציסקאַנער.

פאַר דער אַלטער איז אָבער פראַנציסקאַנער גאַס געווען אַלץ — איר היים, איר וועלט, אַ וועלט, ווו מ׳האָט געקענט פריי רייסן צו הימלען ביים רבונו של עולם נאָך געשטאָרבענע און זעלבסטמערדער — און דאָס דערמאָנען יענע היים האָט ביי דער זקנה נישט בלויז אויפגע־ריסן דאָס באַגראָבענע לעבן פון דאָרט נאָר אויך פון איר באַגראָבע־נעם לעבן דאָ.

— מאַמע, איר מאַכט אונדז אַלע אומגליקלעך — האָט מאַשע אַלץ געפּרוווט זי איינשטילן — אומגליקלעך.

— קענען מיר נאָך זיין אומגליקלעכער?

ווען מאַשע האָט זי ענדלעך באַרויקט, צוריק איר פּלייצע אין דער קאָלדרע אַרומגעוויקלט און פאַרפּאַקט, האָבן ווערטער פון איר מויל זיך געפּלאָנטערט, ווי ביי איינע וואָס איז פון זינען געריר־ט.

— און חברה קדישא? און אַ מצבה? — האָט זי צום וויפלטן מאָל איבערגעחזרט — ווער וועט מאַכן אַ מצבה? אַן אל מלא רחמים אויפן קבר? הא?

— מ׳עט שוין, מ׳עט שוין.

— דאָס קבר פאַר מיין ליבטיקער קרוין ווער וועט גראָבן? אַן אל מלא רחמים — ווער וועט מאַכן?

מ׳עט שוין מאַכן, מ׳עט שוין מאַכן — האָט מאַשע געטענהט אַן איבערגעשראָקענע, צי די שוויגער איז ביי די געדאַנקען — מ׳עט שוין מאַכן...

זוער וועט מאַכן?

— איך, איך — איז שמחה בינעם צו איר צוגעגאַנגען, דערנאָך זיך איינגעבויגן צום מת און עפעס דאָרט אויסגעגלייכט — איכ׳ל אַלץ באַזאָרגן... חברה קדישא... אַ מצבה... אַלץ, אַלץ...

ער האָט זי נישט בלויז געטרייסט מיט חברה קדישא, מיט אַ מצבה, נאָר אפילו מיט תכריכים פאַרן טויטן.

• • •

— פאַר וואָס רופסטו נישט חברה קדישא? פאַר וואָס רופסטו נישט קיינעם? — האָט די אַלטע געפרעגט בעת אין שטוב האָט געגומען טונ־קלען פון צופאַלנדיקער נאַכט אין דרויסן — פאַר וואָס זעסטו נישט דיין ברודער זיין רעכטס צו טאָן? הא?

איצט האָט איר שמחה בינעם מיט גאָרנישט געטרייסט. אויף אַלע אירע רייד האָט ער קיין וואָרט נישט געקענט זאָגן. וואָס זאָל ער איר זאָגן, אַז אירע צערודערטע רייד פאָכן מיט געפאַר איבער דער שטוב. און דער מת? ליגט ער נישט דאָ ווי אַ סכנה? זאָל ער די סכנה נאָך לאָזן ביז מאָרגן? און מאָרגן? וועט דען מאָרגן זיין אַנדערש? און אי־בער מאָרגן, הא? ער האָט אַ פרווו געטאָן דעם מת אונטערהייבן — איז עס אים אויסגעקומען ווי דאָס אונטערהייבן אַ געפאַלענעם דעמב פון דער ערד. פון דער שווערקייט איז אים מיט אַ מאָל געוואָרן ענג אַרום האַלדז, ענג — די שטוב. „שמחה בינעמל, שמחה בינעמל״ — האָט די אַלטע גערופן. ער האָט גאָרנישט געהערט, האָט נאָך אַ מאָל געפרוווט דעם שווער פאַרשטיינערטן גוף — און ווי עפעס אַ שווערע שטיין־משא מיט אַמפערניש אים דערשלעפט אין פינצטערן קאָרידאָר אַריין.

— זוך מיר אויס אַ מעסער! אַ האַק! גיב מיר אַ האַק! — האָט ער פון דאָרטן ווי אַ באַפאַלענער פאַרשטיקט גערופן צום וויב.

— צו וואָס אַ האַק? — האָט מאַשע געפרעגט — וואָס עפּעס אַ האַק?

— נישטאָ קיין אַנדערע עצה... אַזוי מוז מען... מ׳מוז אים קובר זיין — שטיקערווייז...

ער האָט געפיבערט און געשווידערט. און מאַשע אַן אויפגעשווי־דערטע איז אַוועקגעפאַלן צו דער שוויגער אויפן בעט, דאָרט איינגע־גראָבן איר קאָפּ, איר האַרץ און איר יאָמער.

* * *

— פאַר וואָס קומען זיי נישט? — האָט די אַלטע ווידער גענומען פרעגן בעת שמחה בינעמען האָבן שוין אינעם פינצטערן קאָרידאָר אַנגסטן באַגאָסן. עפּעס אַ גערודך האָט אים געשטיקט אַריינפּאַקנדיק אין אַ זאַק די פיס פונעם ברודער — פאַר וואָס קומט נישט חברה קדישא? שמחה בינעמל, פאַר וואָס זעסטו נישט דיין ברודער זיין רעכטס צו טאָן? האַ, שמחה בינעמל?

און ווען זי האָט נאָך אַ מאָל גענומען רופן „שמחה בינעמל, שמחה בינעמל" — האָט שמחה בינעם שוין געאיילט פון די פינצטערע טרעפּ מיטן „זאַק פיס" אויף די פּלייצעס, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ גענגנבעט אַ שטאָק נאָך אַ שטאָק. און ווי ער האָט געגנבעט די שטאָקן אַזוי האָט ער געגנבעט גראָיעצקע גאַס — אַן אָנגעשטיקטע מיט פינצ־טערניש און חורבות. נאָך יעדן הויז — חורבה. און שמחה בינעם מיטן "זאַק פיס" אויף די פּלייצעס — אַ גייענדיקע חורבה. די אימה האָט אין אים געוויינט, אין דעם געוועזענעם רייכן יובילער־סוחר פון ביע־לאַנסקע. אַ שוויים האָט באַזעצט זיין לייב פון שרעק און פּחד. און דער פּחד האָט אים נאָך שטאַרקער אַרומגעכאַפּט ווען ער האָט שוין נישט געהאַט פאַר זיך נישט קיין הייזער, נישט קיין חורבות, נאָר אַן ענדלאָזע נאַכט־שוואַרצקייט.

דאָ איז ער געבליבן שטיין נישט וויסנדיק ווו דעם טריט צו ווענדן.

— ווהין גיי איך? — האָט ער זיך געפרעגט — האַ?

פון רעכטס האָט זיך פלוצעם דערהערט דאָס סיגנאַליזירן פון אַ לאָקאָמאָטיוו אין די פעלדער. שמחה בינעם האָט איבערגעוואָרפן דעם „זאַק פיס" פון איין אַקסל אויף דעם אַנדערן און אַריין אין דער זייט פונעם סיגנאַל, ווו די ערד, אַ האַרט צוגעקנעטענע, ווי פון פראָסט, איז אַלץ ווייטער געוואָרן ליימיק, גליטשיק. אַ טרייסלעניש האָט אים אָנגעכאַפּט, ווי עמעצער וואָלט פלוצעם געשלעפּט אויף צוריק נישט בלויז זיין גוף — נאָר אויך דעם „זאַק פיס". אין דער פינצטערניש האָט עפּעס גענומען אים אַקעגנשוועבן. אַ קול פון שוידער האָט גערופן אין פויליש:

— דער שאָסיי איז נאָך ווייט?

שמחה בינעם איז געבליבן אַ פאַרגליווערטער נישט קענענדיק אַרויסברענגען אַ וואָרט.

— פאַרבלאָנדזשעט אין דער פינצטערניש — האָט דאָס קול זיך צו אים דערנענטערט — אַזאַ פינצטערניש.

שמחה בינעם האָט אַראָפּגעלאָזט די משא פון די פלייצעס. ער איז געווען אַ פאַרגליווערט שטיק אַנגסט. עפּעס אַ נידעריק מענטשל אויף אַ טריט אָפּגערוקט איז שוין פאַר אים געשטאַנען, עפּעס אַן אָנגע־קליידטער סקעלעט מיט אַנגסטיקע אויגן — אַ שטיק אַנגסט פון דער פינצטערניש אַרויס.

עפּעס אַ צוזאַמענטרעף פון צוויי אַנגסטן איז דאָס געווען. אין דער פינצטערניש האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט.

— אַ ייד? — האָט שמחה בינעם פאָרשנדיק געפרעגט.

— און איר? — האָט יענער שוין געפרעגט אויף יידיש — אויך אַ ייד?

— אויך אַ ייד — פון וואַנען קומט איר דאָ?

— פון מלאך המות — ער האָט פלוצעם אָנגעוויזן ווייט אין דער פינצטערניש — איר הערט די באַן? מ׳פירט דאָרטן יידן... פינף מינוט ווי כ׳בין פון דאָרטן אַרויסגעשפּרונגען... ווייזט מיר דעם שאָסיי צו גריי־צע. איך בין אַ גריצער...

— צום שאָסיי איז נישט ווייט — האָט שמחה בינעם געזאָגט — וואָס ווילט איר איצט טאָן אין גריצע?

— פאַרטאָגס מוז איך זיין אין גריצע — אַ גוטע נאַכט.

* * *

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט שמחה בינעם קובר געווען דעם גאַנצן ברודער.

אָבער דאָרטן, ווו ער האָט קובר געווען זיינע „פיס” האָט ער נישט קובר געווען זיינע הענט, נישט זיין קאָפּ און אויך נישט — דאָס טויטע האַרץ פונעם ברודער. דער מת האָט געהאַט דריי קברים.

אַ מאָרגן מיט אַ נייעם אָנהייב

כאָטש באַשע פידלער האָט זיך געפונען אין איר געבוירן־שטאָט איז איר איצט די שטאָט געווען פרעמד. אויף די גאַסן האָט זי נישט געזען קיין איין ייד. אין די געשעפטן האָבן געטומלט אַנדערע בעלי־בתים. און איר, באַשען, האָבן די פאַרבייגייער נאָכגעקוקט מיט אַזעלכע חדושים, גלייך ס׳וואָלט זיך באַוויזן אַ רעקלאַמע־מענטש פון אַ צירק.

— פון וואַנען?

— פון וואַנען האָט זי זיך גענומען?

אין די רייד „פון וואַנען האָט זי זיך גענומען?" האָט באַשע פריער פון אַלץ אַרויסגעפילט זייער פאַרדראָס, אַז זיי פאַרגינען איר נישט איר צוריקזיין דאָ, איר לעבן, וואָס זי לעבט נאָך...

בעת זי איז געזעסן אין בונקער האָט זי געגלייבט, אַז אין שטאָט זענען ערגעץ אויסבאַהאַלטן נאָך יידן, אַז זי וועט איצט נישט זיין איין און איינציק דאָ.

איצט מוז זי אָבער דאָ אַרומבלאָנקען פאַרלאָזן. אפילו אין שטוב פילט זי זיך אויך פרעמד. די איינזאַמקייט פרעסט איר דאָרטן פונקט אַזוי פיינלעך, אפשר נאָך פיינלעכער, ווי אין דרויסן, ווייל ס׳זענען נישט די שטובן, ווו זי האָט געוווינט. און ס׳קען זיין, ווען זי געפינט זיך צוריק אין אירע אַמאָליקע צימערן וואָלט איר האַרץ געוואָרן איבערגעלאָדן מיט נאָך מער קלעמונג, ווי ביים פאַרבייגיין די געוועלבער, ווו יעדע קראָם באַזונדער דערמאָנט איר אַן אַנדער פנים פון אַן אַנדערן אייגנטימער. עפּעס ווי מצבות קומען זיי איר פאָר נאָך די פאַרשוווּנדענע בעלי־בתים. און אויף איר געוועזענער קראָם וויל זי נישט

אין גאַנצן קוקן, ווי אויף אַ קבר, וואָס עמעצער האָט פאַר איר אויס געגראָבן.

זי מיידט אויך אויס איר געוועזענע וווינונג, וואָס דערמאָנט דאָס פאַרגאַנגענע לעבן, וואָס מען האָט פון איר אַוועקגעגזלט. און נישט איין מאָל פאַרהאַלט זיך אַ מחשבה אין איר קאָפּ, אַז אַזוי ווי ס'איז גלייכער דאָס זיין אין אַן אַנדערער דירה, וואָלט זי שוין אפשר אין גאַנצן געדאַרפט אַרויס און אַוועק פון אָט דער שטאָט?

אָבער דאָס קען זי גראָד ביי זיך נישט פועלן, ווייל אין דער זעלבער צייט ווען זי טראַכט וועגן געזעגענען די שטאָט, אין דער זעל־בער צייט נעמט זי אויך אַריינקלערן, אַז טאָמער וועט נאָך איר פאַר־שווינדן פון דאַנען עפּעס אַן אייגענער פון ערגעץ־ווו אָנקומען. ווי וועט ער דאָ אָנקומען, אויב ער וועט נישט טרעפן קיין איין יידישן מענטשן, קיין איין יידישע שטוב ווו אַריינצוגיין?

און זי אַליין? איז זי נישט געשלאָגן מיט דער ביטערקייט פון נישט האָבן ווו אַריינצוגיין? נישט בלויז ביים אַרויסקומען פון בונקער, נאָר אויך איצט? — צו וועמען קומט זי איצט? האָט זי כאָטש איין שטוב, ווו ס'זאָל איר ציען אַריינצוגיין? זי קוקט זיך אויס די אויגן נאָך אַ מענ־טשן, עפּעס אַן אייגענעם, וואַרט אָפּ דאָס אָנקומען פון עפּעס אַ יידן, ווי זי וואָלט אָפּגעוואַרט אַ פאַרשווונדן קינד, וואָס דאַרף זיך פון ער־געץ באַווייזן.

אָבער פונקט ווי מען וואַרט נישט, אַז אַ פאַרשווונדן קינד זאָל אַריינפאַלן אין בוזעם, נאָר מען זוכט עס, אַזוי זוכט זי אַ יידן זינט זי איז פונעם בונקער אַרויס.

אַ נידעריקע, אַן אויסגעצערטע שפּאַנט זי איבער די גאַסן, שפּאַנט מיט אַרויסגעזעצטער וואַכקייט פון די טרויעריקע אויגן, וואָס האָבן אַ פאַרגליווערטן טרויער באַקומען פון די געטאָ־יאָרן, אין פינצטערן בונ־קער, ווו די שטשורעס האָבן טאָג און נאַכט מוראדיק געפּישטשעט. איר פאַרוואָגלטער טרויערבליק זוכט, נישטערט אין די אויגן צווישן די פאַרבייגייער. און כאָטש עס טרעפט, אַז זי איז זיך טועה און אַן אָפּגעהאַקטער „שלום־עליכם" בלייבט אָפּט מאָל דערוואָרגן אין איר

קעל, פון וואָס זי פילט זיך נאָך עלנטער, אָפּגעטאַרט פון יענעמס יידי־שער ענלעכקייט, האַלט עס איר פונדעסטוועגן נישט אָפּ פונעם ווײַ־טערדיקן אַרומזוכן. זי פּאַרלירט נישט דעם גלויבן, כאָטש איר האַרץ איז אָפּגעשוואַכט און אירע פיס פון אַרומגיין זענען אָנגעלאָפן מיט געשווילעכץ. זי גייט אַ שעה נאָך אַ שעה, וואָגלט ביזן האַלבן טאָג אַריין, פאַרגעסט טייל מאָל אַהיים צו גיין מאַכן מיטאָג. און אויב זי גייט שוין יאָ אויף מיטאָג איז נאָכן אַריינכאַפּן עפּעס, איז זי ווידער אַ מאָל אין שטאָט. צומאָרגנס גייט זי ווידער און איבער מאָרגן ווידער אַ מאָל. אַ געיאָגטע, מיט איבערגעלאָדענעם אומעט און מיט איבער־געלאָדענער בענקשאַפט נאָך אַ יידישן מענטשן, וואַנדערט זי אין די פרעמד געוואָרענע גאַסן, ווי זי האָט נישט צו וועמען צו רעדן, „גוט מאָרגן" צו זאָגן.

— רבונו של עולם, שיק מיר צו אַ יידן, כאָטש איין יידן! — רעדט זי אין זיך אַריין, גלייך גאָט וואָלט טאַקע געזעסן אין איר פאַר־באָרגן — שיק מיר צו אַ יידן...

טייל מאָל דוכט זיך איר, אַז אַ ייד וואַרט זי אָפּ ביי איר טיר. זי דאַרף נאָר אַהיימגיין און זי וועט אים דאָרטן טרעפן. אָבער ביי טאָג, אויף דער וואָר, זעט זי אים נישט. נישט ביי איר טיר און נישט אין גאַס. יידן זעט זי נאָר אין חלום. ביי נאַכט חלומט זיך איר נישט איין ייד, נאָר אַסך. און אַלץ אין בית־מדרש. אָבער אַז זי וואַכט אויף בלייבט זי ליגן אַ דערשלאָגענע פון דער אַרומיקער פוסטקייט אין שטוב, ווו אַלץ איז ווידער ווי געווען. נישטאָ קיין יידן און נישטאָ קיין בית־המדרש. ווידער נישטאָ צו וועמען צו רעדן, נישטאָ וועמען „גוט מאָרגן" צו זאָגן.

אין שטוב איז ווידער אַ מאָל אַן אומהיימלעכע שטילקייט, ווי נעכטן און אייערנעכטן און מיט דריי טעג צוריק. אַ פאַרלאָזנקייט, ווי מיט אַ וואָך צוריק. נאָר פון דרויסן, הינטער די פענצטער, הערט זיך דער רעש, וועלכער איז איר פרעמד און דערווידער, ווי עס זענען איר דערווידער יענע, וואָס שאַפן דעם רעש. און ס'ווערט איר מיט אַ מאָל אַזוי טרויעריק, ווי זי וואָלט פלוצעם אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדערן, נאָך ביטערן חלום.

— צו וואָס לעב איך?! — שרייט זי אויס — צו וואָס? אַז איך בין עלנט אין שטוב און עלנט אין גאַס?

די עלנטקייט נעמט נאָך פעסטער אַרומגאַרטלען איר האַרץ, בעת זי גיט אַ קוק אויפֿן טיש, וואָס אין מיטן צימער. זינט זי איז דאָ אַריין אין דער וווינונג נאָכן אַרויסקומען פון בונקער, טראַכט זי צום וויפלטן מאָל, אַז ביי אָט דעם זעלבן דיקפיסיקן טיש, וועלכן מ׳קען פאַרגרע־סערן פאַר צוואַנציק מאַן, אַז ביי דעם טיש פלעגן אוודאי שכורן די עס־עס־לייט נאָך זייערע אָפּגעטאָענע פאַרברעכנס, מאָרדן און שענ־דונגען איבער די יידן פון שטאָט. איצט מוז זי דאָ צינדן ליכט פריי־טיק צונאַכטס אויף דעם טיש, און פונקט ווי די עס־עס־לייט פלעגן דאָ הוליען נאָך זייערע מערדערייען, אַזוי מוז זי דאָ וויינען נאָך די אומ־געקומענע ביים ליכט בענטשן.

און איינמאָל, פרייטיק צונאַכטס, ווען זי איז אַזוי געשטאַנען און געקלאָגט, ווי זי וואָלט ביי די אָנגעצונדענע ליכט מזכיר נשמות געווען, איז אין שטוב שטיין געבליבן אַן עלטערער מענטש אין אַן אויסגע־פעצטער פופייקע, מיט אויסגעפעצטע וואַטענע הויזן, מיט שוואַרצע ווייליקעס אויף די פיס. אויף זיין קאָפּ איז געזעסן אַ ברוינע, פוטערנע פּאַפּאַכע מיט אַראָפּגעלאָזטע לאַפּן איבער די אויערן. די אויערנלאַפּן האָבן כמעט פאַרשטעלט ס׳גאַנצע פנים זיינס. נאָר שטיקלעך באַקן האָבן זיך אַרויסגעזען מיט אַ נאָז רויט פון קעלט.

באַשע איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין וויינען ביי די ליכט, די האַנטפלאַכן אַזוי צוגעדרוקט אויף די אויגן געהאַלטן, אַז זי האָט נישט באַמערקט נישט דעם יידנס אַריינקומען און נישט דעם ציטער פון די ליכטפלעמלעך, וואָס האָבן געכאַפּט אַ בלאָז פונעם שטראָם קעלט מיטן יידנס אַריינקומען פון דרויסן. זי האָט נישט געהערט זיין „גוט שבת”, און בעת זי האָט זיך פלוצעם אומגעדרייט צו דער טיר האָט דאָס נאָך נישט איינגעשטילטע געוויין אין איר זיך ווידער אַ ריס געטאָן, נישט אַזוי פונעם דערזען דעם גאַסט, ווי פון דערהערן זיין נאָך אַ מאָל גע־זאָגטן „גוט שבת!”

— גוט שבת! — האָט ער ווידער אַ מאָל איבערגעחזרט — גוט שבת!

— גוט שבת! גוט שבת!

אָבער איר „גוט שבת"־ענטפער איז אַרויס איינגעוויקלט אין אַ שטראָם טרערן. דער גאַנצער יאָמער, וואָס איז אין אירע טיפענישן ביז איצט ווי פאַרגליווערט געווען, די גאַנצע פּיין, וועלכע זי האָט נישט געהאַט ביז דעם מאָמענט פאַר וועמען אַרויסצוקלאָגן, האָט זיך שטורמיש און ביטער געריסן פון איר. גלייך זי וואָלט זיך געפונען ביי אַן אָפן קבר און זי קען נישט מער צוריקגיין צום לעבן אָן די מענטשן וועלכע ליגן דאָרטן... איר קול איז אַזוי יאָמערלעך געשטיגן, אַז דער ייד האָט געפילט ווי עס עלעקטריזירט זיינע געהירן, אַז ער וועט עס נישט אויסהאַלטן. איר פּנים איז אים פאָרגעקומען באַקאַנט, נאָר ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען פון וואַנען. ער איז געשטאַנען צעמישט, ווי מען וואָלט אים מיט עפּעס דערלאַנגט איבערן קאָפּ, צום צווייטן מאָל אָנגענומען אירע הענט און געוואָלט איינשטילן איר געוויין.

— שבת איז טרערן אַן עבירה... — האָט דער ייד אַ זאָג געטאָן — אַן עבירה...

— פון וואַנען קומט איר? — האָט זי נישט אויפהערנדיק וויינען באַקוקט זיין פּופּיקע מיט די וואַטענע הויזן — פון וועלכער מדינה קומט איר?

— פון סטאַלינס מדינה.

— דאַרפט איר דאָך לעבן מיט הונדערט יאָר לענגער, אַז איר האָט דעם חורבן נישט געזען...

— פאַר מיר הייבט ער זיך איצט אָן, דער חורבן — האָט ער אַרויסגעזיפצט.

— זעצט אייך נאָר... מיר וועלן באַלד עסן — ווי אַזוי האָט איר אַריינגעטראָפן צו מיר? איר זענט אַ היגער?

— מער היגער פון אייך! — האָט ער אַראָפּגעשלעפּט די פאַ־פאַכע פון קאָפּ און זיך גענומען ווישן דעם פּליכעוואַטן שאַרבן — די פירמע וויינבערג האָט איר געקענט?

— פון שניט סחורה?! — האָט באַשע אויסגערופן איבערראַשט — איר זענט עס ווײַנבערג פון שניט?

— ווײַנבערג פון שניט... און ווער זענט איר?

— פידלער פון גאַלאַנטעריע.

— באַשעלע?! באַשעלע פון גאַלאַנטעריע? ווייסט איר עפּעס פון מײַן פאַמיליע?

ער האָט זי פּאַטערלעך צוגעדרוקט צו זיך, פּאַטערלעך אָנגעפּרעסט אַ קוש אויף איר פאַרוויינט פּנים. דערנאָך אַ צווייטן און אַ דריטן. דערנאָך ווידער גענומען אויספרעגן אויף זײַן ווײַב, טעכטער און זין. אָבער באַשע האָט וועגן זיי גאָרנישט געוווּסט, זי האָט זיי נישט געזען אין געטאָ. ווײַנבערג איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען פון נאָכפרעגן און איבערפרעגן, און ערשט דעמאָלט זיפצנדיק אַנטשוויגן געוואָרן, ווען באַשע האָט גענומען אַרײַנטראָגן דאָס שבתדיקע עסן פון קיך, וואָס זי האָט פאַר זיך ביי טאָג אָנגעגרייט. ווײַנבערג האָט זיפצנדיק געוואַשן די הענט, זיפצנדיק געמאַכט קידוש איבער אַ צוגעדעקט ברויט אויפן טיש. דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע געזעצט עסן דאָס ברויט מיט פיש.

— ווי אַזוי האָט איר אַרײַנגעטראָפן צו מיר? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— ווי אַזוי — האָט ער מיט אַ זיפץ גענומען אויפקנעפּלען די פּופּייקע — אַ גאַנצע געשיכטע... אויף דער באַנסטאַנציע האָט מען מיר געזאָגט, אַז קיין איין ייד איז נישטאָ... שטעלט זיך פאַר, ווי ביטער מיר איז געוואָרן... קיין איין ייד? נישטאָ הייסט עס צו וואָס צו גיין? נישטאָ צו וועמען?

— ווען איך בין נישטאָ — האָט באַשע אַרײַנגעוואָרפן — וואָלט טאַקע נישט געווען צו וועמען...

— יאָ, יאָ, — האָט ער אויסגעקרעכצט — אין רוסלאַנד, אין רוסלאַנד האָב איך גאָרנישט אַזוי באַנומען ווי טיף מיר זענען באַגראָבן געוואָרן... באַלד נאָכן איבערקומען די גרענעץ אין טערעספּאָל, קומט צו מיר צו אַ הויכער גוי מיט צייטונגען: „מיר האָבן די יידן

אויסגעפּאַרטיקט... די איבערגעבליבענע וועט מען אויך... דערווייל מוז מען שרייען „ניעך זשיע דעמאָקראַציאַ!"... איר פאַרשטייט? דער מנוול האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ פּאָלאַק... וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָלק די פּאָלאַקן? — האָט ער אַ וויש געטאָן דעם פּליך — פאַר וואָס האָבן מיר פאַנטאַזיעס? פון רוסלאַנד האָט מיך געיאָגט. און דאָ?... איך בין נאָך רעכט נישט אַראָפּ פון דער באַן, יאָגט עס מיך אויף ס'ניי... נישט דאָ, נישט דאָרט... פאַרשיידענע צוטשעפּענישן זענען מיר היינט שוין געקומען אין קאָפּ. אין מיין געשעפט באַלעבאַטעווען שוואַרציאָרן... און איך בין געשטאַנען ווי אַ בעטלער, אַ פרעמדער ביי מיין געוועלב און געקלערט: אַריינגיין? נישט אַריינגיין? צום סוף האָב איך באַשלאָסן: ווערן זיי אויסגעריסן! מיין דירה בין איך שוין נישט געגאַנגען זען. דער סטרוזש האָט מיך אַריינגערופן. בין איך ביי אים אָפּגעזעסן. פאַר דער מלחמה פלעגט ער יעדן פרייטיק קומען צו מיר נאָך „פּיאָנטקאָווע". היינט לעבט ער רייכער ווי איך האָב געלעבט. סאַראַ אָנטועכץ! אין סאַראַ שטובן ער האָט זיך באַזעצט... מיין מעבל האָב איך דאָרטן געזען... אפילו מיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט... — האָט וויינבערג אַרומגענומען זיין קאָפּ, ווי אַ ווייטיק וואָלט אים אַ כאַפּ געטאָן — ער האָט מיך ספּעציעל אַריינגערופן, דער אויסוואורף... איך זאָל זען מיין בראָך... אַז איך זיץ נאָך דאָ באַשע... אַז איך האָב עס אויסגעהאַלטן...

— איך האָב מער אויסגעהאַלטן... איר דאַרפט סיי ווי לעבן מיט הונדערט יאָר לענגער, אַז איר זענט דאָ נישט געווען... עסט, ס'ווערט קאַלט — האָט זי אים אָנגעוויזן אויפן עסן.

אַ ביסל שפּעטער איז וויינבערג געזעסן אין דער פּופּייקע אַ דערוואַרעמטער, נישט אַזוי פונעם עסן, ווי פון דער שבתדיקער הייסער טיי, וואָס באַשע האָט פאַר אים כסדר אַריינגעטראָגן פון דער קיך. ער האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען אַ זעקס גלעזער און נישט שעמעוודיק געהייסן געבן נאָך און נאָך. און נאָך יעדן גלאָז טיי האָט ער געפּרוווט באַשען אויפווייזן, אַז זי מוז וואָס גיכער פון דאַנען אַוועקפאָרן.

— ווען ס'זאָל דאָ אפילו צוקומען נאָך אַ צען יידן, רעכנט איר דאָ צו בלייבן? מ'דאַרף אַוועק ווו ס'זענען דאָ יידן...

— מיר דאַרפֿן דערווייל זיין ווי ס'זענען נישטאָ קיין יידן... — האָט באַשע געענטפֿערט — שטעלט אייך פֿאָר, ווען איר טרעפֿט מיך נישט דאָ? און אויב איך וועל מאָרגן, איבער מאָרגן איינפּאַקן ס'פּעקל... צו וועמען וועלן אַריינגיין די יידן, וואָס וועלן דאָ אַהערקומען?

די ליכטפּלעמלעך האָבן שוין געצאַנקט און דער אַלטער וויינבערג, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומוואָגלען אין שטאָט, האָט זיך דערפֿילט שוועך. עפּעס האָט זיך אין אים געלאָשן. ער האָט געצאַנקט פֿון מידקייט. באַשע האָט שוין געהאַט צוגעגרייט פֿאַר אים אַ געלעגער אין צווייטן צימער, און ווען ער איז שוין געלעגן אונטערן פֿריש איבערגעצויגענעם בעטגעוואַנט, ווענן וואָס ער האָט עטלעכע וואָכן נאָך אַנאַנד געחלומט בעת דער רייזע פֿון סיביר, איז עס אים פֿונדעסטוועגן נישט ניחא געוועןאָט דאָס געלעגער. אָט צו וואָס ער האָט זיך דערשלאָגן אויף דער עלטער! ער, וויינבערג, וואָס האָט דאָס גרעסטע שניטגעשעפֿט געהאַט אין שטאָט. פֿון זיין געשעפֿט, פֿון זיין גאַנץ רייכטום מוז ער איצט ליגן אין געהאַקטע ווונדן אויף אַ פֿרעמדן בעט. אַלץ וואָס איז געווען זיינס, צו דעם האָט ער איצט נישט קיין צוטריט. וועט עס אַזוי פֿאַרבלייבן? צי וועט ער נאָך בכלל עפּעס אַמאָל האָבן פֿון דעם וואָס איז געווען?

איינטאָניק האָט געקלאַפּט אַן אונטערגעריסן שטיק בלעך אויפֿן קעגנאיבערדיקן דאַך פֿון הויף. אַ נאַכטיק פֿאַרצווייפֿלטער יאָמער האָט געבלאָנקעט אין דרויסן, אויסגעמישט מיט געיאָמער פֿון קעץ, גלייך די קעץ וואָלטן זיך איינגעביסן אין דער לעצטער מערצנאַכט, אַז זי זאָל נישט אַוועק. מיט זייער יאָמער און מיטן יאָמער פֿון ווינט האָט מיטגעיאָמערט דאָס האַרץ פֿון אַלטן וויינבערג. זיין ווייב, זיינע קינדער זענען זיכער אין אַזאַ נאַכט געוואָרן פֿאַרשלעפּט און דערמאָרדעט. האַ? און ער, וויינבערג? ער מאָרדעוועט זיך איצט אַליין. ער האָט נישט קיינעמען. און פֿון וואָס וועט ער איצט אָנהייבן? אַז ער האָט פּונקט אַזאַ ווערט, ווי דאָס אונטערגעריסענע שטיק בלעך אין דרויסן. און פּונקט ווי דאָס שטיק בלעך וועט פֿונעם ווינט פֿאַרשליידערט ווערן, זיך וואַלגערן, אַזוי וועט מסתמא זיין מיט אים... ער וועט זיך שוין אויך אַזוי וואַלגערן און וועט שוין קיין מאָל נישט האָבן זיין אָרט אין לעבן.

* * *

און וואָס האָט געקלערט פרוי פידלער אויף איר געלעגער? פאַר איר איז געווען אַ פרייד, וואָס דער מאָרגנדיקער פרימאָרגן וועט זיין אַנדערש ווי ביז היינט. ביז היינט, זינט זי איז פון בונקער אַרויס, האָט איר קיינער נישט געזאָגט קיין „גוט מאָרגן", קיין „גוט שבת". מאָרגן אין דער פרי וועט איר וויינבערג זאָגן „גוט שבת", איבער מאָרגן „גוט מאָרגן". ס'וועט שוין זיין עפּעס אַנדערש ווי ביז היינט. ס'וועט זיין אַ מאָרגן מיט אַ נייעם אָנהייב.

אַ פרוי פון קאַצעט

מרים איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, נישט געוואָלט זען די ליידיקייט אין צימער, נישט געוואָלט זען, אַז אפרים איז שוין נישטאָ.

דריי וואָכן סך־הכל נאָך דער חתונה און שוין דער פערטער פרימאָרגן, אַז ער פאַרשווינדט פון איר ווי פון אַ פרעמדער פרוי, גלייך דאָ וואָלט נישט געווען זיין היים, גלייך זיין היים וואָלט געווען ערגעץ אין אַ ווייטער גאַס, ווו מען וואַרט אויף אים, וווהין ער איילט עס אַ־זוי באַלד פאַר טאָג.

נאָר איצט איז זי אומרויקער ווי נעכטן, אומרויקער ווי מיט צוויי טעג צוריק. וווהין און צו וועמען טרייבט עס אים אַזוי? צו דער אַרבעט? די אַרבעט אין אונרראַ־מאַגאַזין הייבט זיך ערשט אָן ניין אַ זייגער און זיבן, האַלב אַכט איז ער שוין נישטאָ. איז וואָס טוט ער אַזוי פרי אין דער וועלט? שפּאַצירן? צו גאַסט? ווער לויפט עס צו גאַסט באַלד פאַר טאָג?

פאַר דער חתונה, דערמאָנט זי זיך, זענען זיינע פרימאָרגן־שפּאַ־צירן געווען צו איר. פאַר דער חתונה, האָט זי אויך געהאַט אַן אונ־טערגעריסן געזונט ווי היינט, פונדעסטוועגן איז ער פון איר נישט אָפּ־געטראָטן אויף איין שעה, ווי ער וואָלט געציטערט צו זיין אָן איר. דעמאָלט האָט ער זי נישט בלויז געזעטיקט מיט צערטלעכקייטן, נאָר האָט אויך נישט פאַרליטן ווען אירס אַ באַקאַנטער פלעגט דאָ אַריינ־קומען אויף באַזוך, פלעגט עפעס ווי „צוהיטן" ביז יענער האָט זיך נישט אָפּגעטראָגן. אין די לעצטע טעג גייט ער אפילו אַוועק בעת עמעצער פון די באַזוכער קלערט נאָך גאָרנישט אַוועקצוגיין, פאַרשווינדט ביי יע־

דער געלעגנהייט, גלייך די שטוב וואָלט פֿאַר אים געוואָרן אַ שטייג און זי מרים אַן איבעריקע.

וואָלט זיין קאַלטקייט צו איר געווען צוליב אַ צווייטער פרוי, וואָלט עס נישט געווען פֿאַר איר אַזאַ קלאַפּ. ביי אירע פיר און צוואַנציק יאָר, וואָלט זי נאָך געקענט האָפן אויף „עמעצן". אָבער זי ווייסט, אַז דאָ איז גאָר שולדיק איר אונטערגעהאַקט געזונט... איז ווער כאַפּט עס אַן עפּעלע וואָס פוילט? ווער הייבט עס אויף אַ פוילנדיקע פרוכט, וואָס איינער וואַרפט אַוועק?

פון אירע מוטנע און פאַרלאָפענע אויגן שטראָמען טרערן. און נישט בלויז ווייל אפרים ווערט צו איר קאַלט וויינט זי איצט. אירע פיר און צוואַנציק יאָר, באַגזלטע יוגנט, באַווײנט זי איצט. זי וויינט, וואָס זינט די אַמעריקאַנער האָבן זי באַפרייט פון קאַצעט האָט זי נאָך נישט געהאַט קיין איין געזונטן חודש. שוין דריי מאָל געלעגן אין שפיטעלער. נאָכן האָבן וואַסער אין אַ זייט, לונגן-אָנצינדונג, האָט זי איצט סמנים פון טובערקולאָז, מוז זיך היטן פאַר פייכטקייט, פאַר רעגן, זיין אַ געפענטעטע צו דער שטוב ביי יעדן וואָלקן אויפן הימל. און עס קומט איר פאָר, אַז די קרענק האָט זיך אין איר איינגעביסן, אַז ביזן קבר וועט זי שוין נישט האָבן נישט קיין לעבן און נישט קיין פרייד.

און אויב זי וועט נישט האָבן קיין לעבן, נישט קיין פרייד, וועט עס דען אפרים יאָ האָבן, אויב ער וועט זיך געפינען מיט איר אונטער איין דאַך?

מעג זי דען אים פראַווען טענות, וואָס ער רייסט זיך פון איר? האָט זי דען די רעכט אים אין עפּעס צו באַשולדיקן, אויב ער וויל זיך ראַטעווען פון אַן אָפּגרונט, וווהין זי אַליין ווערט אַריינגעצויגן?

אָבער דאָס אַלץ האָט זי געטראַכט ביז זי האָט דערהערט זיינע טריט אין קאָרידאָר. דעמאָלט איז אין איר אָנגעלאָפן אַ ברוגז אויף אים, גלייך אין זיינע טריט, וועלכע ער האָט געשטעלט אַזוי האַסטיק, וואָלט זי נישט געהערט דאָס קומען פון אים, נאָר זיין אַנטלויפן פון איר.

איר ברוגז איז נאָכמער געשטיגן בעת אפרים איז אַריינגעקומען מיט צעשמייכלטע אויגן, טראָגנדיק אַ געפּאַקטע טעטשקע אונטערן

אָרעם. זי האָט אים געוואָלט זען אַ דערשלאָגענעם, אַ צעבראָכענעם מיט פיין אָנגעלאָדן, ווי איר האַרץ איז אָנגעלאָדן מיט פיין. און דאָ? דאָ איז ער גאָר יום־טובדיק צעפלאַמט, זאָרגלאָז, אַז זי האָט אים נאָך מיט אַזאַ זאָרגלאָזיקייט נישט געזען. וואָס איז אויף אים די שמחה? צי איז זי אים שוין אַזוי פרעמד טאַקע, אַז ער איז אַזוי פרעמד און קאַלט צו איר בראָך?

פון פאַרדראָס און צעמישעניש האָט זי פאַרגראָבן ס׳פּנים אין קישן, נישט געוואָלט זען ווי ער שלעפּט פון דער טעטשקע די אַרבעטס־צוטיילונג פון אונרראַ. וואָס גייען איר אָן די פּושקעס, מיט זיינע פּאַפּי־ראָסן מיט דעם אַלעם? וואָס פאַראַ ווערט האָט דאָס פאַר איר, בעת איר לעבן איז אין געפאַר?

— וואָס מרימשי? — האָט ער צום ווייפלטן מאָל איבערגעפרעגט נאָכן אַרויסלייגן די פּושקעס אויפן טיש — אַזאַ פּרימאַ וועטער אין דרויסן... אַזוי פיל זון און דו ליגסט?

— מיט דער זון, צי אָן דער זון, אַלץ איינס — האָט מרים אויפ־געהויבן ס׳פּנים פון קישן — סיי ווי... כוועל סיי ווי שטאַרבן...

— קיין שום מעשיות וועגן שטאַרבן! האָט ער איר איבערגע־שלאָגן — זע נאָר סאַראַ צוטיילונג היינט, — האָט ער אָנגעוויזן אויף די צעשטעלטע פּושקעס אויפן טיש — אַ גאָלדענע צוטיילונג היינט!

זיין הייטערער קול איז מרימען געוועזן דערווידער, פּונקט ווי ס׳איז איר נישט געווען ניחא זיין צופרידנקייט מיט דער אונרראַ־צוטיילונג. וואָס בראָקט ער נאָך איר צעטומלטן מוח מיט די פּושקעס?

— אַ גאָלדענע צוטיילונג — האָט זי גאַליק אַרויסגעזיפּצט — סאַמע גאָלד.

— סאַמע גאָלד — האָט ער אונטערגעכאַפּט — טאַקע סאַמע גאָלד.

— וועסטו עסן דאָס גאָלד, איך דאַרף עס נישט. איך בין אַ זשיפּענדיקער פּגר... נישט צום טויט און נישט צום לעבן...

— רעד נישט אַזוי מרים. פון די פּושקעס וועל איך נישט עסן. כ׳וועל אויסטוישן אָדער פאַרקויפן. ס׳איז אַלץ פאַר דיר.

— ס׳אַ שאָד איך זאָל דיר נאָך קאַליע מאַכן אַזאַ גאָלדענע צו־טיילונג — האָט זי גיפּטיק אַ זאָג געטאָן — פאַר מיר איז שטאַרבן.

— ווּעסט נישט שטאַרבן. ווּעסט ווערן געזונט. געזונטער פון מיר — האָט ער גענומען טרייסטן — די אַנדערע וואָך פאָרסטו אין סאַנאַטאָריע... און רעד מיר נישט וועגן שטאַרבן. איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט זאָלסט לעבן!

ער האָט אַ קוק געטאָן אין אירע מוטנע, פאַרלאָפענע אויגן, אין איר בלייך פּנים, און כאָטש ער האָט איר געדאַרפט נאָך טרייסטן און נאָך אויסרעדן, האָט ער פונדעסטוועגן געשוויגן. אַבער ס׳איז געווען אַ שווייגן פון אַ צעטומלטן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. קוים וועט ער טאַקע אָנהייבן נאָך טרייסטן, נאָך אויסרעדן, וועט זי עס אָנ־נעמען פאַר אַ סימן, אַז ס׳האַלט מיט איר שמאָל. זי וועט זיך צעוויי־נען, ווי שטענדיק בעת זי נעמט רעדן וועגן שטאַרבן. אָבער שווייגן טויג אויך נישט איצט. עפּעס איז זי איצט בלייכער ווי אַלע מאָל. מער צע־טראָגן ווי אַלע מאָל, מער צוזאַמענגעבראָכן און ער מוז איר עפּעס זאָגן, פאַררופט ער זיך אויף דעם, וואָס דער דאָקטער האָט נאָך גע־זאָגט מיט עטלעכע טעג צוריק.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — פרעגט זי.

— אַז דו ביסט אַרויס פון געטאָ, אַז דו ביסט אַרויס פון קאַ־צעטן, וועסטו פון דעם אויך אַרויס...

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— ביז אַ בלוט־אַנאַליז מיט אַ פאָטאָגראַפישער דורכלויכטונג, ווייסט מען גאָרנישט גענוי... און דו ליגסט שוין מיט אַראָפּגעקלאַפּטע פליגל... ווי עפּעס אַ זקנה...

— נאָך מער ווי אַ זקנה. אַ פגר נישט צום טויט און נישט צום לעבן.

— דער דאָקטער זאָגט דאָס גאָרנישט.

— דיין אויפפירונג זאָגט מיר מער ווי אַלע דאָקטוירים...

— מיין אויפפירונג?

— יאָ. דיין אַנטרונען ווערן אין די לעצטע פרימאָרגנס... אַז מ'האָט ליב אַ פרוי אַנטלויפט מען פון איר פּאַרטאָגס? זאָל איך גלייבן אַז דו האָסט מיך נאָך ליב?

ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ס'איר אים געווען שווער צו זאָגן יאָ, פונקט ווי ס'איז אים געווען שווער צו זאָגן ניין. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז זי איז אים געוואָרן אַ ווייב, ווייל ער האָט אַזוי געוואָלט און געוואָלט האָט ער נישט בלויז דערפאַר, ווייל זי איז אים געפעלן, נאָר ווייל די מלחמה־יאָרן האָבן אים צוגערויבט די היים, די פאַמיליע, אים אַליין פאַרטריבן אין הייסן מיטלאַזיע און איצט צוריקקומענדיק פון דאָרטן האָט ער דאָס פאַרלוירענע לעבן געוואָלט וואָס גיכער צוריק באַשאַפן. און כאָטש זי איז באַלד געווען קראַנק, מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען, האָט עס אים נישט אָפּגעשראָקן. ער האָט זיך געריסן חתונה האָבן און געגלייבט, אַז איר קראַנק זיין איז פאָריבערגייענדיק און אויב ניט פאָריבערגייענדיק איז אויך פאַרפאַלן. ער איז דערמיט געווען איינגעוווינט נאָך פון דער היים. זיין מאַמע איז אויך געווען אַ קראַנקע און אויב זיין טאַטן איז אָנגעשטאַנען אַ קראַנק ווייב, איז ער נישט קיין גרעסערער יחסן.

אָבער איצט, אַז זי האָט סימנים פון טובערקולאָז, ווייסט ער נישט אויף וועלכער ערד ער געפינט זיך. זאָל ער נאָך אַזוי פיל צעבראָכענע יאָרן אַרומוואַלגערן אין מיטלאַזיע אָן אַ היים, זיך ווידער נאָך אַ מאָל אַריינפּלאָנטערן אין אַ לעבן פון גראַנגל? ווי אַזוי? ווי אַזוי וועט ער באַשאַפן אַ לעבן מיט אַ פרוי, וועמענס גוף און בלוט איז רויִנירט פון געטאָ און פון די קאַצעטן?

און כאָטש ער פרעגט דאָס ביי זיך צום ווייפלטן מאָל בעת ער אַנטלויפט אין די פאַרטאָגן פון שטוב, כאָטש ער האָט זיך שוין געזאָגט הונדערטער מאָל, אַז ס'וועט אַזוי נישט פאַרבלייבן, אַז ער האָט קיינעם נישט געשווירן צו שלעפן דעם זעלבן יאָך וואָס זיין טאַטע, פונדעסטוועגן ווערט זיך עפּעס אין אים קעגן אַלע זיינע חשבונות, גלייך אין זיין קאָפּ וואָלטן פונקציאָנירט צוויי מוחות: אַ מוח פון אַ געטרייען מאַן און אַ מוח פון אַ מאַן וואָס האַלט אין פרעמד ווערן. בעת איין מוח טראַכט אין איין שעה מיט פרעמדקייט, אַנטלויפעניש און מיט

חשבון, קלערט דער אַנדערער מוח אין דער שפּעטערער שעה גאָר עפּעס אַנדערש. און אין זיין האַרצן איז אויך דאָס זעלבע. דאָ האָט עס אין זיך פּרעמדקייט, שטרענגן חשבון, נישט־נאָכגיביקייט, און מיט אַ מאָל פֿאַרגעסט עס אַלע חשבונות, שלאָגט מיט הייסער איבערגעבנקייט פֿאַר מרימען, ווי מרים וואָלט נישט בלויז געווען זיינס אַ פֿרוי נאָר אויך אַ טאָכטער און אַ מאַמע.

און איצט אַז מרים האָט גענומען פֿרעגן איין מאָל און נאָך אַ מאָל „גלייבסטו, אַז דו האָסט מיך נאָך ליב?", האָבן אירע ווערטער ווי פֿאַרצוקט אַלע זיינע גריבלענישן. מיט אַ מאָל האָט ער פֿאַרלוירן אַלע זיינע חשבונות, אַ צעפּיבערטער אַריינגעכאַפּט איר קאָפּ אין זיינע הייסע הענט, גענומען קושן איר אויסגעבלייכט פּנים, אירע מוטנע, פֿאַרלאָפֿענע אויגן.

נישט ביי זיך

אין שלאָף האָבן חוה שאַפּירן געמאַטערט חלומות. פון איין חלום איז זי געוואָרן אַריינגעפירט אין אַ גרויסן הויף אויף גענשע גאַס. אַ הויף מיט קראָמען. און ווי גרויס דער הויף — איז ער איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. ביי אַלע קראָמען שטייען איבערגעשראָקענע מענטשן און פון אַלע קראָמען שלעפּט מען באַלן שטאָפן אין די קעלערן, מ׳שלעפּט די סחורות מיט שרעק פאַר די דייטשן.

און זי פּלאָנטערט זיך צווישן די מענטשן און קען נישט אַריינטרעפן אין איר אייגענער שניט־קראָם.

און ווי זי פּלאָנטערט זיך, ווערט מיט אַ מאָל אַ בהלה, מיט אַ מאָל אַ געלויף, מענטשן פאַלן, ווערן פאַרזונקען אונטער איינפאַלנדיקע מויערן און מ׳לויפט... ווענט און דעכער קראַכן אַראָפּ, ממיתן קעפּ און בראָקן אויף ס׳טויט קופּעסווייז... פון די שטילע מויערן איז געוואָרן אַ מלאך־המות, וואָס וויל אַלץ צודעקן אונטער זיינע חורבות. און אין טויער — דורך וואַנען מ׳וויל אַנטרונען — זעצט מיט קנאַקעדיקער שריפה מיט פלאַכטעס פייער.

אין געראַנגל מיטן פייער האָט חוה שאַפּיר זיך אויפגעכאַפּט מיט געשריי, מיט טשאַד און שווערן ווייטאָג אין קאָפּ, גלייך ביים בעט וואָלט נאָך עפּעס געסמאַלעט פון דער געחלומטער שריפה.

— דינטשעלע! דינטשעלע! האָט זי אַן איבערגעשראָקענע גענומען רופן די טאָכטער — שלאָפסט? ביסטאָ?

אין צימער האָט נאָך אָנגעהאַלטן די נאַכט־פינצטערניש און חוה שאַפּירן איז די פינצטערניש דאָ פאָרגעקומען עפּעס שווער און

פרעמד, ווי פון פרעמדע וועלטן. עפעס אַ מישעניש און אימה האָט פאַרפינצטערט איר קאָפּ — אַז ס׳איז נישט די שטוב, האָט זיך איר אויסגעוויזן — נישט דאָס בעט, אַז עפּעס איז זי דאָ איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ צווייט, פרעמד אָרט.

— דינטשעלע! דינטשעלע! — האָט זי נאָך אַ מאָל גערופן.

נאָר אָנשטאָט דינטשעלעס קול, האָט דורך דער וואַנט געגומען אונטערקרעכצן אַ בעט. דערנאָך האָט זי דערהערט עפּעס אַ שעפּטשערײַ, אַ גוף־וואַרפעניש, גלייך דאָרטן פון יענער זייט וואַנט וואָלט מען זיך אויך אויפגעכאַפּט פון שווערע חלומות.

— אָנע רוע, איז דאָס לעבן איינע העלע... — האָט מיטן גוף־וואַרפעניש אַ קרעכצנדיק קול דורך דער וואַנט זיך געריסן.

דאָס גוף־וואַרפעניש מיטן קרעכצנדיקן קול דאָרטן האָט לאַנג אָנגעהאַלטן. אַז ס׳איז שוין דאָרטן געוואָרן שטיל, דאָס גוף־וואַרפעניש איינגעזונקען, איז חוה שאַפּיר נאָך אַלץ געלעגן אָן מנוחה. זי האָט שוין געוווּסט, אַז „אָנע רוע, איז דאָס לעבן איינע העלע”, איז אַ שטענדיקע זיפצערייַ פון דער באַלעבאָסטע ווייגעל, פון דער זעלבער ווייגעל, וועלכע פאַרטראָגט נישט איר קראַנק מיידל דינטשע און זינט דינטשע געפינט זיך דאָ נאָכן אַרויסקומען פון סאַנאַטאָריום, איז די ווייגעל — פייער. אַ שטיק גהינום קאָכט פון אירע אויגן, ווען זי דערזעט דינטשען איך קיך ביי אַ טעפּל, ווען זי הערט דאָרטן אירס אַ הוסט, אָדער ווען אירע חברטעס סאַרפּען ס׳הויזגלעקל און קומען דאָ צו גאַסט...

געסט, וואָס קומען צו דער שאַפּיר און צו איר טאָכטער, זעגען דער באַלעבאָסטע דערווידער, ווי דערווידער ס׳איז איר יעדער גערודער און טומל פון פרעמדע מענטשן אין איר הויז... באַזונדערס קאָכן אירע אויגן ביים אָנקומען און ביים אַוועקגיין פון חיים בינשטאָקן, אַ נידעריק, טומלדיק מענטשל מיט געשטופּלטע באַקן, אַ געוועזענער „מענטש” ביי דער שאַפּיר — דער איינציקער עדות פון דער שאַפּירס אַמאָליקן רייכטום... פון איר סוחרישן יחוס אויף גענשע... פון זיין קומען דאָ פאַרכאַפּט דער ווייגעל ביים אָטעם. אויסער זיין טומלען, דוכט זיך איר, אַז דאָס געשטופּלטע יידל איז דאָ עפּעס צופיל איינגייער. ער מוז זיך

שדכנען צו דער שאַפּיר, איז די דייטשקע זיך משער, עס שרעקט זי, אַז אין אַ שיינעם אויפדערנאַכט וועט זי אים דאָ האָבן אַלס דריטן לאָקאַטאָר.

און זי ווערט זיך קעגן אים, ווי קעגן איינעם, וואָס האָט עפּעס פאַרבאָרגענע פּלענער קעגן איר.

און כדי צו האַמעווען זיינע פּלענער, איז דער פרוי שאַפּיר פאַר־ווערט צו האָבן געסט נאָך האַלב צען אויף דער נאַכט... נאָך האַלב צען, טייל מאָל נאָך פריער, מוז חוה שאַפּיר שוין איינשטילן סיי דעם רעש פון איר טאָכטערס חברטעס, סיי דעם רעש פונעם טומלדיקן חיים בינשטאָק. די שטילקייט מוז זי אָפּהיטן צו דער מינוט פּינקטלעך, ווי פּינקטלעך ס'קלאַפּט דער שטייזייגער ביי דער וויגעל אין שלאָפצימער, אַזוי חזרט זי יעדן אויף דער נאַכט חוה שאַפּירן אַלץ די זעלבע ווערטער, גלייך זי וואָלט נישט געגלייבט אין איר זכרון, אָדער דאָס כסדרדיקע איבערחזרן די ווערטער וואָלט געווען אירס אַן איינגעפונדעוועטע אָוונט־תפילה.

— אָנע רוע איז דאָס לעבן איינע העלע...

אָבער נישט בלויז איר מויל זאָגט דאָס. אויף שענקל־פאָרהענג־לעך, אויף האַנטעכער, אויף ווייסע שטיקלעך לייוונט צו די קיכווענט צוגענאָגלט זענען אויסגעהאַפּטן פאַרשיידענע פסוקים: תהילים־פסוקים וועגן רו און פסוקים פונעם נייעם טעסטאַמענט וועגן יעזוסן — און דער שאַפּיר קומט עפּעס פאָר, אַז די וויגעל היט די פסוקים, פונקט ווי זי היט אַלע אַנדערע זאַכן אינעם הויז וואָס זי האָט בירושה... ווי זי היט איר שלאָף בירושה... און אפשר האָט זי בירושה אַ באַ־האַלטענע שנאה צו יידן? ווער ווייסט?... ווער ווייסט סאַראַ שלאַנגען זיינען פון דעם הויז אין די געטאָס פאַרקראָכן? פון וואַנען ווייסט זי? אפשר האָט עמעץ פון דעם הויז איר מאַן, אירע ברידער דערמאָרדעט, צוגעהאָלפן פאַרניכטן דעם הויף און וועלכן זי האָט זיך אַזוי געראַנגלט אין חלום?

— ווער ווייסט זיי די כאָלערעס? — רעדט זי צו זיך אין געדאַנק — דאָ היטן זיי זייער רו און ערגעץ אַנדערש? ווי האָט אויסגעזען ערגעץ אַנדערש? האַ?

פון די מחשבות און פון די חלומות וועגן געגשער הויף האָט איר אַ גרויזשע געטאָן אַ וויטאָג אין דער לעבער, אַז ביז טאָג האָט זי נישט געקענט ליגן אויף דער זייט פון האַרץ... און אין דער פרי האָט זי פּלוצעם דערזען עפּעס אַ פרעמד פּנים אין שפּיגל, אַ פינצטער געפאַלדעוועט פּנים, צעקנאָדערט און פאַרעלטערט, גלייך נישט בלויז דער וויטאָג, נאָר די חלומות פון חורבות און פייער וואָלטן אָפּגעזויגט דאָס רעשטל לעבן פון איר געזיכט. פון וואַנען קומט צו איר אַזאַ געזיכט? — האָט זי דערויף געקוקט מיט שוידער — האָבן די חורבות פון חלום עס אַזוי פאַרענדערט?

— אונטערגאַנג, אונטערגאַנג... — האָט אַ שוידער פאַר אונטערגאַנג אַלץ אַרום פאַרפינצטערט, דעם גאַנצן פרימאָרגן אַלץ אַרום מיט חושך פאַרדעקט.

— נישט ביי זיך און דער טייוול ווייסט זי — האָט זיך דערהערט דער ווייגעלס קול ביים אַריינגיין אין קיך אויפקאָכן טיי אויפן גאַז.

אַחוץ דער ווייגעל איז אין קיך געווען נאָך אַ דייטשקע, עפּעס אַ פאַרזויערטע מיט קרומלעכע פּיס, מיט אַ פאַרזויערט נעזל. זי איז געשטאַנען ביים קראַן און געריבן עפּעס אַ רויטן טאָפּ. פון אַ צווייטן טאָפּ אויפן טיש איז געשווימען אַ פאַרע ביז צום סופיט. נאָך צוויי גרויסע טעפּ זענען מיט וואַסער געשטאַנען אויף די גאַזפלאַמען און ס'האָט אויסגעזען ווי די דייטשקעס וואָלטן זיך געגרייט וועש וואַשן. די ווייגעל אַ שוואַרצהאָריקע האָט זיך געפּאָרעט ביי אַן אויפגעפּראַלט שענקל פון געפעס, האָט געסאָפּעט פון גופישער דיקקייט אַן איינגערעמטע אין אַ שוואַרץ פאַרטעך.

— דער טייוול ווייסט עס — האָט זי איבערגעחזרט דערזעענדיק דער שאַפיר — נאָך יעצט, האָב איך קאָפּשמערצן.

— יאָ, יאָ, פרוי שאַפיר — האָט זי צוגעגעבן אַ קוק געבנדיק אויף דער שאַפיר — דאָס האָב איך צו דאַנקען איר שרייען ביי נאַכט.

— וואָס זאָל איך מאַכן? — האָט די שאַפיר אַוועקגעשטעלט איר טיי אויפן גאַז — אַלע שוואַרציאָרן פון געטאָ... אַלע שוואַרציאָרן פון קאַצעט... אַלץ קומט מיר איצט צו חלום...

— יאָ, יאָ, אָבער מיט גאַז מוזן זי זיין שפּאַרזאַם! — האָט די באַ־לעבאָסטע פלוצעם אויסגערופן — נעכטן האָבן זי געלאָזט דעם גאַז פאַרן טייוול און מיט אַכט טעג צוריק איז אויך געווען די זעלבע געשיכטע...

די קרומפּיסיקע דייטשקע האָט אויפגעהערט רייבן דעם טאָפּ ביים קראַן און אַ זאָג געטאָן:

— מיר דייטשן קענען זיך דאָס נישט דערלויבן וואָס די אויס־לענדער... דעם גאַנצן גאַז פאַרשווענדן די...

— די אויסלענדער? — האָט די שאַפיר אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אויפרעגונג — דענקען זי נאָר וויפל אייערע דייטשן האָבן גע־דאַרפט גאַזן אויף דערשטיקן די אויסלענדער?

— ניין, ניין! — האָט די ווייגעל דערווידערט — אַך!

— וויפיל קינדער האָבן אייערע גאַז־קאַמערן איינגעשלונגען?

— גאָט, גאָט! רעדן זי דאָס נישט פרוי שאַפיר... אירע קינדער זענען אַלע נאָך אַמעריקע אויסגעוואַנדערט... דאָס ווייסן מיר גענוי...

— נאָך אַמעריקע?! — האָט פון דער שאַפיר אַ שלאָג געטאָן מיט ספּאַזמאַטיש געשריי ווי דער ווייטאָג אין דער לעבער וואָלט זי אָנגעכאַפּט אויף ס׳ניי.

— מיין גאָט, זי זענען דאָך נישט ביי זיך! וואָס שרייען זי? איך האָב נאָך קאָפּשמערצן פון אירן שרייען ביי נאַכט! זי זענען דאָך נישט ביי זיך!

די ווערטער „נישט ביי זיך” האָט די ווייגעל פון זיך אַרויסגעקאָכט מיט עפּעס אַ באַזונדערקייט, אירע אויגן האָבן דערביי אַזוי זיגעריש געברענט, ווי זי וואָלט די ווערטער אַרויסגעשריגן ביי עפּעס אַ פייער־לעבקייט פון עפּעס אַ גרויסן נצחון.

— נישט ביי זיך! — האָט זי דער שאַפיר געוואָלט איבערשרייען — זי זענען נישט ביי זיך!

— ווען מיר זיין! ווען מיר זיין ביי זיך! — האָט די שאַפיר נאָך העכער געשריגן אַ צעפלאַמטע.

ביידע פרויען האָבן געליאַרעמט און געפלאַמט. פון ביידע האָט געשפּאַרט אַ פלאַמעניש פון באַזונדערע וועלטן. און וואָס מער די ווייגעל האָט איבערגעחזרט „נישט ביי זיך", אַלץ מער האָט די שאַפיר געשריגן ווי אַ באַפּאַלענע צווישן חורבות. און חורבות האָבן זיך געריסן, דערוואָרגענע עוולות פון שוואַרציאָרן, איר צעמזיקט דערוואָרגן לעבן פון געטאָ, אין קאַצעט, איז איצט געווען אַריינגעלאָדן אין איר חורבנדיק קול. נישט זעענדיק דער ווייגעל און נישט דער דייטשקע מיט די קרומע פיס, אפילו נישט די אייגענע טאָכטער, וועלכע איז אָנגעלאָפן אַ הוסטנדיקע מיט צעפלאָשעטע האָר — האָט די שאַפיר מיט איר געשריי אויסגעזען ווי אַ שרייענדיקע חורבה, וואָס שרייט פון חורבות נישט בלויז צו צוויי דייטשקעס — איינע אַ פאַרזויערטע מיט קרומע פיס — צו עפּעס אַ קרומער וועלט שרייט זי — צו אַ וועלט וואָס געפינט זיך אייביק אויף קרומע פיס, אויף קרומע וועגן איינגעזויערט און זי ליאַרעמט פון די חורבות אַרויס אין דער קרומער וועלט אַריין נישט זעענדיק פאַר וועמען.

אַ וואָרעם

וואָכן נאָך אַנאַנד איז הלל זאַיאָנץ געווען פאַרנומען מיט אויסגעפינען עפּעס אַ מענטשן פון זיינע קרובים. וואָך נאָך וואָך האָט ער צו וויסן געגעבן אין די לאַגער־צייטונגען, אַז ער האָט זיך אומגעקערט פון רוסלאַנד, געפינט זיך דאָ און דאָ. אָבער נישט בלויז די צייטונגען זיינען געווען זיין זוכפּלאַץ, אויך די גאַסן, דער טראַמוויי־וואַגאָן, מיט וועלכן ער פלעגט יעדן פרימאָרגן דורכפאָרן די רוישיקע שטאָט צום קאָמיטעט.

ביי דער געביידע פון קאָמיטעט פלעגט ער אָפּשטיין שעהן לאַנגע, מיט זיינע וואַסערדיק בלויע אויגן שעהן לאַנג פאָרשן די פּנימער פון טומלדיקע, ערגעץ ווו אייַלנדיקע מענער און פרויען. און ווען עמעץ פלעגט אימפּעדיק פאַרביילויפן, פלעגט ער אַ צעשטרייטער נאָכלויפן, ווי ער וואָלט דאָ טאַקע פאַרזען דעם וועמען ער זוכט.

— הלל, דו ביסט עס? — איז ער איינמאָל ביים נאָכלויפן עמעצן אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין די אָרעמס פון אַ יונגנמאַן. דער יונגערמאַן האָט זיך אַזוי אומגעריכט אין אים איינגעפלאָכטן, מיט קושן אין זיין פּנים אַריינגעזויגן, אַז הלל האָט נאָר באַוויזן צו זען אַ פּאָר קליינע גוי׳אישע אייגלעך און צוריקגעקושט אַ נישט ראַזירט פּנים, נישט וויסנדיק אין דער ערשטער מינוט וועמען ער קושט.

נאָר ווען הלל האָט אין דעם קליינאייגלדיקן יונגנמאַן דערקענט זיין מומע לאהס זון פון וואַרשע, האָט אויפגעוואַכט אַ פרייד אין זיינע אויגן. אַ באַרוישטער פון גליק האָט ער דעם קוזין גענומען קושן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, גלייך מיט דעם קוזין וואָלט פאַר אים אַ פאַרשוווּנדענע וועלט תחית־המתים אויפגעשטאַנען.

— ווער נאָך איז געבליבן לעבן? — האָט ער גענומען אויספרע־גן אויף משפחה־מענטשן — זינט איך בין דאָ, זוך איך אומעטום, שרייב אומעטום — קיינער רופט זיך נישט אָן, ווי כ׳וואָלט אין אַ מד־בר געבוירן געוואָרן...

— ווער זאָל זיך אָפּרופן? דאָס אַש פון די אייוונס?

און כאָטש אין ברוכס רייד איז שוין אַלץ געווען פאַרענטפערט, איז הלל נישט אָפּגעשטאַנען פון ווידער אַ מאָל אויספרעגן אויף זיינע וואַרשעווער קרובים. און ביי יעדן נאָמען וואָס הלל האָט באַזונדער דערמאָנט, אָדער מיט אָנשטרענגונג געוואָלט זיך דערמאָנען — האָט ברוך טרויעריק אונטערגעזיפצט, ווי מיט דעם אונטערזיפצן וואָלט ער אָפּגעזאָגט קדיש נאָך די דערמאָנטע.

און אין הללס אויגן האָט זיך גענומען לעשן די פרייד, ווי מען וואָלט אים פון אַ פייערלעכקייט צו אַ לוויה געפירט. די פיס האָבן אים גענומען ברעכן בעת ברוך האָט אים גענומען פירן שטאָק נאָך שטאָק, אַלץ העכער. אויף אַ פערטן שטאָק זענען זיי דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן, שטילן קאָרידאָר מיט אַסך טירן. ביי יעדן שטאָק האָט זיך גע־עפנט אַן אַנדערע טיר. אויגן פון אַ פרוי האָבן נייגיריק אַרויסגעקוקט פון יעדער געעפנטער טיר, און ווי שטיל זיי האָבן זיך געוויזן — זע־נען זיי נאָך גיכער און שטילער פאַרשוווּנדן. דערנאָך האָט הלל זיך געפונען אין אַ קליין צימערל מיט אַ נידעריקן סופיט.

דאָס צימערל האָט געהאַט דריי שפּאַצירטריט אין דער ברייט, פיר — אין דער לענג. איבערגעדעקט מיט אַ גרויען קאָץ איז געשטאַנען אַ הילצערן בעט ביי איין וואַנט. אַ סאָפע מיט פיל געהאָפטענע קי־שעלעך — ביי דער צווייטער וואַנט.

— זעץ זיך — האָט ברוך אָנגעוויזן הללן אויף דער סאָפע — איך דאַרף דיר עפּעס איבערגעבן...

— וואָס אַזעלכעס? — איז הלל געוואָרן נייגיריק — האַ?

ער האָט מיט אַ מאָל אויסגעזען אַזוי פאַרקלערט, ברוך, ווי ער וואָלט עפּעס אין זיך געהאַט בייצוקומען, עפּעס שווער פאַרבאָרגנס, ע־פּעס אַזעלכעס, וואָס מוז בלייבן פאַרבאָרגן. דאָס האָט אין הללן נאָך

מער אָנגעצויגן די נייגיריקייט. נאָר איידער ער האָט באַוויזן נאָך ע־פעס פרעגן, האָט ברוך אים דערלאַנגט אַ פאַרעלטערט שטיקל פּאַפּיר. אויפן פּאַפּיר זענען געווען צוואָרפן עטלעכע שורות, ערטערווייז נישט פאַרשטענדלעך. בעת הלל האָט באַנומען זייער זין — איז פון יעדן וואָרט אַרויסגעשפרונגען אַ כמאַרע. פאַר זיינע אויגן איז געוואָרן אַ שפּרינגעניש פון כמאַרעס. ער האָט שוין גאָרנישט געזען און מיטן פּאַ־פּירל אין האַנט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער סאָפע, ווי אין חלשות.

— איז דאָס מעגלעך? — האָט ער נאָכן קומען צו זיך גענומען פרעגן דאָ ביי ברוכן, דאָ ביי זיך אַליין — מיין שוועסטער? איז דאָס מעגלעך?...

ער איז אויפגעשטאַנען פון דער סאָפע, גענומען אַרומפּיבערן איבערן קליינעם צימערל און ביי יעדן מאָל ווען ער האָט גענומען לייע־נען די קוים לייענבאַרע שריפט „צו אַלע יידן אין געטאָ"... האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ נערוועזקייט, צעטראָגנקייט, גלייך עמעצער וואָלט אים דאָ פאַרשלאָסן נאָך מיט שעהן צוריק, ער דאַרף ערגעץ נייטיק און האָט נישט מיט וואָס די טיר אויפצושליסן.

„צו אַלע יידן אין געטאָ" — האָט ער ווידער אָנגעהויבן — „זייט וויסן, אַז אַ בלאָנדע מויד פון אייער שטאָט... איר פאָרנאָמען ימח שמה וויסן מיר נישט... דערפאַר איז אונדז אָבער באַוווּסט, אַז דעם פאָטער רופט מען נפתלי זאַיאָנץ... אַן אָנגעזעענער, לומדישער ייד ביי אייך... די ימח־שמהניצע, זיין טאָכטער... זי שטייט אויפן וואַרשעווער הויפּט־וואָקזאַל און גיט איבער אונדזערע געיאָגטע, אַנטלאָפענע ברידער פון די געטאָס"...

— איז דאָס מעגלעך? — האָט ער אַ פאַרצווייפלטער געקוקט אויף ברוכן.

ברוך איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, מיט חרטה, וואָס ער האָט דעם קווין אַזוי געאיילט איבערגעבן דאָס בריוול. און ביי יעדן מאָל וואָס הלל האָט געכאַפּט לייענען דאָס בריוול, האָט ער אַזוי פאַרלוירן אונטערגעזיפצט, גלייך ער וואָלט דאָס אַלץ ערשט געהערט צום ערשטן מאָל. און יעדער זיפץ וואָס האָט זיך פון אים געריסן איז הללן פאָר־געקומען ווי אָפּהילך־זיפצן פון יענע פאַרשלעפטע, וועמען זיין שוועס־טער האָט איבערגעגעבן אין די הענט פון די פייניקער.

און פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס האָט זי דאָס געטאָן? ווי אַזוי איז דאָס געקומען צו איר? פֿון וואַנען האָט זיך צו זיין לומדישן טאַטן דערנו־מען אַזאַ טאָכטער?

און צו זיין מאַמען פֿון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ טאָכטער?

מסירה איז זיינע עלטערן געווען פּונקט אַזוי דערווידער, ווי רויב און מאָרד. און פּונקט ווי זיי האָבן נישט געקענט איינפֿלאַנצן אין זייער שטוב רויב און מאָרד, אַזוי האָבן זיי אויסגעהיטן זייערע קינדער פֿון מסרן.

און איצט? ווו איז דער קיום פֿון זייער פּראַצע? פֿון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען צו זיין שוועסטער אַזאַ רשעות?

— איז דאָס מעגלעך? איז נישט דאָ עפּעס אַ טעות? פֿון וואַנען קומט צו דיר דאָס בריוול?

— דאָס בריוול האָט מען מיר איבערגעגעבן... ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע...

— און זי ווו איז?

— זי קומט דאָ. היינט וועט זי אויך קומען.

— און דו שווייגסט איר? — איז הלל געוואָרן אָנגעצונדן פֿון ברוכס גלייכגילטיקייט — און דו האָסט זי געלאָזט לעבן?

און פּונקט ווי ס'איז אים אַ מינוט פֿריער געווען שווער צו גליי־בן, אַז גיטל האָט געדינט דער געשטאַפּאָ, אַזוי האָט ער אַ צעקאָכ־טער נישט געקענט פֿאַרשטיין דעם קוזינס ביזאַיצטיקן שווייגן. ווי אַזוי פֿאַרשווייגט מען אַזעלכעס? עס האָט אים גענומען אויספֿעלן אָטעם. נישט בלויז גיטל איז די פֿאַררעטערין, נאָר אויך ער, ברוך, האָט זיך איינגעוויקלט אין דער שאַנד. שווייגן איז אויך אַ שאַנד. ווי אַזוי האָט ער ביז היינט געשוויגן?

— צו וואָס ביסטו אַוועק צווישן די גוים? צו וואָס? אָפּצוּוואַרטן די שעה פֿון נקמה — אָדער איצט צו עסן דאָס די־פּויִשע ברויט? און די־פּויִשן געלעגער זיך אויסצורוען?...

— און די פֿאַררעטער זאָלן נאָך צו אונדז קומען!

פאַר ברוָכן זענען דעם קוזינס טענות געווען אַזוי אומדערוואַר־טעט, ווי זייער אומדערוואַרטעט טרעפן זיך היינט. ער האָט געפינטלט מיט זיינע קליינע, גויאישע אייגלעך עפעס אַזוי שולדיק, ווי אַ קינד וואָס ווערט געשטעלט פאַר אַן עקזאַמען, איבער אַ נישט דערלערנטע אויפגאַבע.

—רעדסט ווי אַ פראָקוראָר — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— טאַקע ווי אַ פראָקוראָר! — האָט הלל צערודערט אויסגערופן

— ווער דען, אויב נישט מיר? טאַקע מיר מוזן זיין די פראָקוראָרן. פאַר־רעטער צעטרעט מען אין מיטן גאַס...

— אַז ס׳וועט קומען דערצו וועסטו אַנדערש ווערן. איך האָב אויך געקלערט אַנדערש ווי געטאָן...

זיינע רייד זענען פלוצעם איבערגעריסן געוואָרן פון אַ קלאַפּ אין טיר. „אָט גייט זי״ — האָט ברוך אויסגערופן. נאָר פון דעם „אָט גייט זי״ האָט הלל אַ מיש געטאָן אין קאָפּ. דערנאָך האָט ער דערזען אַ פּאָר בלויע אויגן און פון אונטער אַ גראַנאַטן דאַמענהוט אַפער אַ קנויל העלע האָר, געשמירטע ליפּן, אָנגעפודערטע בעקלעך, אַזוי ווייס, ווי עמעצער וואָלט דאָרט אַרויפגעכמאַליעט צוויי הענט מעל.

הלל איז געווען שווער איר אויסצושטרעקן אַ האַנט, איז גע־בליבן שטיין אויף פּיס, וואָס האַלטן אין אָפּגענומען ווערן. און בעת די אָנגעוויסטע בעקלעך מיט די געשמירטע ליפּעלעך זענען אַרויפגעפאַלן אויף זיין ברוסט — האָט אָפּגעהילכט אַ קלאַפּ פון דאַמעשע שיכקלעצ־לעך צוזאַמען מיטן אומפאַלן פון אַ בענקל אויף דער פּאָדלאָגע.

גיטל איז געבליבן ווי צוגעוואַקסן צו דער וואַנט פון ברודערס שטוף, האָט זיך צעיאָמערט מיטן גאַנצן קאָפּ, וואָס זי האָט אויף דער גיך אין אירע הענט אַריינגעכאַפּט.

— הלל איך וויל נישט! — האָט ברוך גענומען רייסן הללן פון דער שוועסטער — איך וויל נישט... ביי מיר אין שטוב... ביי מיר אין שטוב!

נאָר הלל האָט אים נישט געהערט. נאָך יעדן ספּאַזמאַטישן קוויטש, שרעקגעשריי, וואָס גיטל האָט מיט אַמפערניש אַרויסגעגאָרגלט,

איז הלל געוואָרן נאָך מער אויפגערייצט, נאָך נקמהדיקער, גלייך אין אירע ספּאַזמאַטישע אויסברוכן וואָלט זיך געהערט די גסיסה־שרעק מיטן יאָמער נישט פון איר, נאָר פון יענע פאַרשלעפּטע, וועמען זי האָט איבערגעגעבן דער געשטאַפּאָ.

— דאָס איז דיר באַקאַנט? — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס ברי־וול און עס איר אונטערגעטראָגן — באַקאַנט?

אַ צעטראָגענער האָט ברוך זיך אַראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן אַ צעקנייטשטן הוט פון דער פּאָדלאָגע. ער איז געווען צעטראָגן פון חר־טה. עפּעס אַ מיטלייד האָט אים אַ נעם געטאָן צו דער קליינער קו־זינקע, זעענדיק איר פינצטער, פאַרקרימט פּנים, צעשויבערטע האָר, אַן אָכצנדיקע אָן לשון.

— זי האָט שוין דאָס געזען — האָט ער צו וויסן געטאָן הללן ווע־לנדיק אים דערמיט באַרויקן.

— וואָס ענטפערסטו נישט? — האָט הלל אָן אויפגערעגטער אַ־ריינגעשריגן דער שוועסטער אין פּנים — איז אמת וואָס דאָ איז גע־שריבן? איז אמת? מיט מסירה? מיט געשטאַפּאָ? מיט די רוצחים פון אונדזערע טאַטע־מאַמע?...

ער האָט געווישט דעם שוויים פון שטערן און הייזעריק אונ־טערגעבריפּעט:

— און דו ווילסט נאָך לעבן? מיט אַ געמאַלעוועט פּיסקל? האָסט נאָך די חוצפּה צו וועלן לעבן?

— נישט אמת...

— וואָס נישט אמת? — האָט ער זי גענומען רייסן פאַר די האָר
— וואָס נישט אמת?

— נישט אמת — האָט גיטל שוין געענטפערט מיט שנאה, מיט האַס און איינגעשפּאַרטקייט.

— וואָס נישט אמת? — האָט זיין קול געציטערט — נישט אמת וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן? האַ? מיט וויפל יידן האָסטו באַצאָלט?... זאָלסט נאָך האָבן די חוצפּה צו וועלן לעבן? האַ?

— און דו זײ נישט מײַן פּראָקוראָר! — האָט זי מיט נאָך מער האַס און גיפט אים שוין איבערגעשלאָגן — קענסט מיך איבערגעבן דער עם־פּי...

— ווי? עם־פּי? עם־פּי?! צו אַזאַ וואָרעם עם־פּי?

אַ געשריי האָט פאַרטויבט זײַנע רייד. און איידער וואָס האָט די שוועסטער שוין געשטעקט אין קאָרידאָר אַ שרייענדיקע. ער האָט זי נישט נאָכגעיאָגט. עפּעס האָט אין אים גענומען זיך לעשן, ווי זי וואָלט נישט אַנטלאָפן נאָר געלעגן ביי זײַנע פיס אַ גוסנדיקע.

דער קרעמער

אפשר אַ וואָך צייט איז זעליג סעגאַל נישט אַרויס פון שטוב. די צוויי פענצטער פון שלאָפצימער האָט ער נישט געלאָזט עפענען, די ראָלעטן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן, גלייך אין דרויסן פאַר זיינע פענצטער וואָלטן זיך כסדר געטראָגן שטיקנדיקע וואָלקנס רויך.

— מאַניע, מאַניע! — פלעגט ער טייל מאָל נעמען רופן דאָס דינסטמיידל — ווו ביסטו מאַניע?

נאָר נאָך לאַנגע רופענישן פלעגט ער זיך ערשט כאַפּן, אַז דאָס דינסטמיידל אַרבעט שוין נישט ביי אים, זי וווינט בלויז ביי אים אין הויז...

מיט אַ יאָר צוריק איז מאַניע צו אים אַריינגעקומען אַן אויס־געהונגערטע, האָט אונטערטעניק געטאָן וואָס מ׳האָט געהייסן: האָט געקאָכט, געוואַשן, געראַמט די זעקס צימערן און געשלאָפן — אויף אַ צעבראָכען בעטל אין קיך.

איצט, זינט די שטאָט איז סאָוויעטיש, פאַרנעמט זי איינע אַליין אַ צימער אין זיין הויז און ער קען איר נישט זאָגן קיין הויך וואָרט.

אָבער נישט מיט איר אַליין האָט ער אַזוי. שוין אַ חודש, אַז נאָך „עמעצער" פאַרנעמט דאָ ביי אים אַ צימער. יענער איז געקומען מיט אַן „אָרדער"... דעם אָרדער מיט דעם פרעמדן מענטשן האָט ער רעכט נישט אָנגעקוקט. אין זיין זכרון איז נאָר פאַרבליבן יענעמס שוואַרצע היטל מיטן ברייטן אַרויפגעריסענעם דאַשעק.

זינט דער מענטש וווינט דאָ ביי אים, האָט ער סעגאַל נאָך קיין איין מאָל מיט אים געשמועסט. ס׳ווייב מיט דער טאָכטער, ווייסט ער,

שאַרן זיך עפּעס צו אים, האַלטן אים שוין פאַר אַן אייגענעם. די טאָכטער רחלע גייט מיט אים אין קינאָ, שפּאַצירט מיט אים אין די גאַסן. אָבער פאַר אים איז דער מענטש עפּעס מיט סודות, ווי סודות־דיק און אומפאַרשטענדלעך ס׳איז אים דער טאָכטערס אויפפירן זיך — איר פאַרברענגען מיט דעם פרעמדן.

— וואָס איז דאָ געוואָרן פון מיין שטוב? פלעגט ער טענהן צום ווייב, וואָס טוט זיך עס דאָ?

— דורך אים קען מען אפשר עפּעס אויפטאָן... — האָט זי אים שטענדיק געענטפערט — וואָלסט נאָר נישט ליגן... ווייל אויב נישט קיין אייגענע קראָמען, וועלן דאָך זיין אַנדערע... עפּעס וועט דאָך ווערן... הערסט זעליק?

ער פלעגט קיין פּערטל פון אירע רייד נישט אויסהערן. נאָר ווען זי האָט גענומען אויסרעכענען נעמען פון קרעמער וועלכע „אַר־בעטן שוין", דעמאָלט האָט ער איר יאָ אַרויסגעוויזן אַ ביסל אינטערעס, אָבער געטאָן האָט ער עס נאָר צוליב דעם, כדי איר באַלד דערנאָך אויפצוווייזן, אַז די אַלע קרעמער זיינען גאָרנישט מיט נאָרנישט. ווער זענען זיי? עפּעס קליינע קרעמערלעך, נאָכשלעפּערס, געוועזענע בעל־מלאכהס, וואָס האָבן זיך געוואָרפן צו קרעמעריי, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין שטאָך אַרבעט ביי זייערע פאַכן... ניין, פון די אמתע, גרויסע געשעפטסלייט דערציילט זי אים נישט, נאָר אַלץ פון אַזעלכע, וואָס האָבן צומאָל נישט פאַרמאָגט קיין רעכטן בגד אויפן לייב.

מיט אַזעלכע זאָל ער זיך דאָס שטעלן און איין ריי נאָך אַרבעט?

וואָס טוט זיך דאָ עפּעס מיט דעם ווייב? מיט וועמען פאַרגלייכט זי אים? האָט דען נישט זיין „מיסט" מער אָנזען און ווערט געהאַט ווי זייער גאַנץ לייב און לעבן? ביי אים איז דאָך געווען אַ קראָם, ווו אַלע גרעסטע נגידותטעס פון שטאָט פלעגן אַריינקומען מיט געשטאָפּטע בייטלען. וואָס האָט זיך נישט געטאָן אין זיין קראָם? ביי אים האָט מען דאָך איינגעקויפט פאַר די רייכסטע חתונות, פאַר גרויסע הוליאַנקעס אין פּריצישע הויפן; פרויען פון אָפיצירן און פּולקאָווניקעס זענען גע־קומען און אַלע זענען געוואָרן באַדינט פון מיידלעך אין ווייסע פאַר־טוכער.

פון דעם אַלעם פֿאַרגלייכט זי אים שוין מיט יענעם ביסל קרע־מערלעך?

— ווי אַזוי האָט מען אונדז איבערגעלאָזט? — פֿלעגט ער אין אָוונט טענהן צום פריץ זשעלינסקי, וועלכער פֿלעגט דאָ קומען אין די פֿאַרנאַכטן צו גאַסט און טייל טאָל פֿאַרבלייבן אויף וועטשערע מיט נאַכטלעגער.

— ווי זענען געווען די קעפּ?

— די קעפּ? — דער פריץ ברומט אַרויס אַ קללה אויף די ענג־לענדער, אויף דער גאַנצער וועלט — וועלכע קעפּ? — פֿרעגט ער — די גאַנצע וועלט איז אָן קעפּ!

איידער די געגנט איז געוואָרן סאָוויעטיש, פֿלעגט יעדן באַגינען פֿון זיין פריצישן הויף אַרויסגעשיקט ווערן אַ געפּאַקטער וואָגן מיט בלעכן מילך, מיט סמעטענעס און פּוטער צו סעגאַלס קראָם... איצט האָבן זיי נאָך פֿאַרלעגענע חשבונות, וועגן וועלכע זיי רעדן נישט. זשעלינסקי זיצט גאַנצע אָוונטן שווייגנדיק, אַז סעגאַלן איז אָפּט מאָל נישט ניחאדיק דאָס גאַנצע זיצן דאָ פֿונעם פריץ. פֿון זיין שווייגן, פֿון זיינע אַראָפּגעלאָזענע אויגן פֿלעגט סעגאַלן ווערן נאָך שווערער. עפּעס פֿלעגט ער זיך דערפֿילן ווי נישט ביי זיך אין דער היים, נאָר ווי אין אַ פֿרעמדן אָרט, ווי עפּעס ביי אַ פֿרעמדן טיש.

טייל מאָל פֿלעגט ער אָבער אויך דערפֿילן אַ דערלייכטערונג, עפּעס אַ וואַרעמקייט אין זיין האַרץ. דאָס איז געשען דאַן, בעת דער גאַסט האָט אויפגעהויבן זיינע פֿאַרזאָרגטע אויגן, אויף אים געטאָן אַ קוק און אויך אַרויסגערעדט עטלעכע פֿאַרטרויליכע ווערטער.

ווען אָט דער פריץ — האָט פֿרוי סעגאַל געטראַכט פֿאַרענדיק זיך אין קיך — ווען אָט דער פריץ וואָלט אין די „פֿריערדיקע צייטן” זיך מטריח געווען צו איר אין שטוב אַריין אויף וועטשערע מיט נאַכט־לעגער, וואָלטן זיי דאָך געפֿלויגן אין די וואָלקנס, זי מיט איר מאַן... דעמאָלט וואָלט זי שוין אַריינגעאַרבעט, אַז מענטשן זאָלן דאָס צעפּויקן איבער אַלע הייזער, די גאַנצע שטאָט זאָל זיי דאָס נישט פֿאַרגינען... מ׳זאָל דערפֿון רעדן אין אַלע גאַסן, אין יעדער שטוב.

אָבער היינט?

היינט האָבן דעם פּריצעס באַזוכן פאַרלוירן פון זייער צויבער.

נאָך ערגער:

מען מוז זיך היטן מיט זיין קומען דאָ, ווי זי פּלעגט אַמאָל אויס־היטן איר קראָם פון אַן אַרטיקל וואָס איז קאַלע געוואָרן.

פאַרן פּריץ ווידער איז דאָס זיצן און נעכטיקן דאָ ביי סעגאַלן געווען אי אַן אָפּקומעניש, אי אַן אָפּרו.

אַן אָפּקומעניש: ווייל עס דערמאָנט אים זיין געפאַלענעם מצב... ווען וואָלט ער דאָ אַריינגעשמעקט?

נאָר ווען ער גיט אַ טראַכט וועגן זיין פּאַלאַצנהיים, ווו די פויע־רים מיט זיינע פאַראָבקעס וואַכן דאָרטן, אַז מ׳זאָל גאָרנישט אַרויספירן פון זיין הויף — אָטעמט ער דאַן אָפּ אַ ביסל פרייער, וואָס ער קוקט עס כאָטש נישט צו, וואָס אין די לעצטע מעת־לעתן, איז ער ווייט דערפון.

ער וואָלט איצט טאַקע געוואָלט זיין וואָס ווייטער, ערגעץ אין אויסלאַנד אין אַ ווייטער מדינה... מיט וואָס וועט ער פאַרלאָזן זיין היים, אַז אַלץ אין זיין היים ווערט אַזוי שטרענג געהיטן און ער קען גאָרנישט מיטנעמען.

— עפּעס אַזוי אומגעריכט... אַזוי אומגעריכט איז דאָס אַלץ געשען...

— און ווי איז דעם פּריצעס מיינונג? — פּלעגט סעגאַל פרעגן בעת די פרוי פּלעגט פון קיך אַריינדערלאַנגען די וועטשערע מיט גע־פּרעגלטע לעבערלעך — וועט שוין אַזוי פאַרבלייבן אויף שטענדיק? קען נישט אַ מאָל עפּעס געשען אַ נס ביים בוג? ווי צוריק מיט צוואַנציק יאָר ביי דער ווייסל?

— איר האַקט נאַרישקייטן! — זאָגט דער פּריץ קייענדיק די גע־פּרעגלטע לעבערלעך — ניסים חזרן זיך נישט איבער... איר פאַרשטייט? ביי יידן איז אַמאָל געווען אַ משה מיט שפּאַלטן דעם ים... און היינט?

אויף ביי נאַכט פּלעגט מען אים געהיים אַריינלאָזן אין אַ באַזונ־דערן צימער, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ ברייטער טאַפּטשאַן. אויף אַ נאַכט־טישל האָט אים סעגאַל גופא דאָרטן צוגעגרייט אַ קאַראַפינקע וואַסער מיט אַ גלאָז, ווייל דער פּריץ האָט ליב געהאַט אַ קאַלטן טרונק וואַ־

סער פאַרן שלאָף. טייל מאָל פלעגט נאָך סעגאַל אָפּזיצן מיט אים אין זיין צימער שעהן לאַנג, דערנאָך אין די באַגינענס אים אַרויסלאָזן דורך אַ הינטערטיר.

— אַ שוואַרץ אָנשיקעניש אויף זיין קאָפּ! — פלעגט סעגאַלס פרוי אים נאָכזאָגן — כ׳דאַרף אים דאָ אויף שיינע ריינע כפרות!

לעצטנס קומט ער אָבער נישט. דער פריץ איז פאַרשוווּנדן און אים סעגאַלן איז נאָך שווערער. עס וואַרגט אים אַ טיפע אומהיימ־לעכקייט. נמאוס איז אים שוין פונעם זיצן און ליגן ביי די אראָפּגע־לאָזטע ראָלעטן און פאַרמאַכטע פענצטער, נמאוס דעם ווייבס רייד מיט דעם אַלעם צוזאַמען.

אַרויסגיין אין גאַס איז אים אויך נישט צום האַרצן. ער קען נישט פאַרטראָגן דעם געפילדער מיטן טומל פון אַלעם נייעם אין דרויסן. ער קען נישט קוקן׳אין די געשעפטן, אין די געוועלבער, וווּ אַלץ נעמט שוין ווערן אַנדערש, מיט אַן אַנדערן סדר און אַנדערע בעלי־בתים.

ניין. שוין בעסער ליגן אין שטוב אין געהאַקטע ווּנדן, איידער צוקוקן מיט קלעמונג, וואָס אין די גאַסן טוט זיך; ווי פון אַלע ראָגן ליאַרעמט פון די ראַדיאָ־הילכערס: „די באַפרייטע געגנטן פון די פּוילישע פריצים!” צו וואָס דאַרף ער דאָס הערן? צו וואָס דאַרף ער דאָס אַלץ, אַז קיין געזונט וועט אים דערפון נישט צוקומען.

— פּאַפּאַ, פאַר וואָס גייט נישט דער פּאַפּאַ אין גאַס? וואָס וועט דער פּאַפּאַ אויסזיצן אין שטוב? — איז איין מאָל אין אַ פרימאָרגן צו אים צוגעשטאַנען די טאָכטער בעת ער איז נאָך געלעגן אין בעט פאַר־גראָבן דעם קאָפּ אונטער דער פערענע.

הינטער די פענצטער האָט גראָד געקלאַפּט אַ רעגן. דאָס הויז האָט געציטערט פון פאַרבייפאָרנדיקע שווערע טאַנקען. פון אונטער דער פערענע האָט סעגאַל אַרויסגעשטעקט אַ פאַרמאַטערט זויער פנים. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַזאַ פאַרגליווערטער מידקייט, ווי ביי איינעם, וואָס האָט זיך שוין וואָכן לאַנג נישט אויסגעשלאָפן.

— נו, פּאַפּאַ?

זי איז פאַר אים געשטאַנען מיט פרימאָרגנדיקער פרישקייט, אַן אויסגערוטע, אַ קערפּערדיקע, מיט אַן אַרויסגעפּאַקטן בוזעם, אַז דאָס

בלוזקעלע אַרום איר ברוסט האָט זיך אַזש געקרעמפּעוועט פון ענג־שאַפט.

פון אירע בלויע אויגן האָט אַרויסגעבלישטשעט אַ לויטערקייט. פול און רונדיק, ווי זאַט פון פרייד און לעבן איז געווען איר פנים. און בלוטיק רויט האָט עס געפלאַמט, ווי נאָר וואָס פון אַ הייסער וואַנע אַרויס.

דעם פאָטער איז דערפון געוואָרן ביטער. ער האָט אַ קוק גע־טאָן אויף איר מיט פאַרדרוס פאַר איר גוטן אויסזען.

ווי אַזוי פאַרגינט זי זיך היינט אַזעלכעס? וואָס איז מיט איר די שמחה?

היינט איז דאָך נישט אַמאָל. דעמאָלט האָט ער נישט געהאַט דאַ־קעגן. זאָל זי בליען. ער האָט אַליין געוואָלט, אַז זי זאָל אויסזען וואָס שענער, רייכער פון אַלע מיידלעך. ער האָט געוואָלט, אַז אין שטאָט זאָל מען אים נישט בלויז מקנא זיין מיט זיין קראָם, נאָר אויך מיט דער טאָכטער.

איצט דאַרף ער דאָס נישט... געגנוג דערמיט... אויב זיין געשעפט, זיין מסחר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, דאַן זאָל אַלץ מיטפאַלן... צו וואָס טויג אים אַזאַ מויד? פאַר וואָס זאָל ער גאָרנישט דערקענען אויף איר פנים, וואָס ס׳קומט פאָר אין זיין האַרץ?

— גיי, גיי! — האָט ער זי גענומען טרייבן — צו אַלדע רוחות גיי!

— איך פאַרשטיי נישט — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ ציטערנדי־קער שטים — דער פאָפּאַ ליגט און ליגט... עס טויג נישט אַזוי... ס׳איז דאָ אַ מענטש... אפשר וואָלט ער געהאָלפן מיט עפּעס...

— ווער איז דער מענטש? — האָט סעגאַל אַ פרעג געטאָן.

— אונדזער קוואַרטיראַנט, סירקין.

— ווי רופט מען אים?

זאָל דער פּאַפּאַ אויפשטיין!... — האָט זי זיך פלוצעם צוגעזעצט אויפן ברעג בעט און גענומען צערטלען דעם פאָטער — אויף דער נאַכט וועט סירקין זיין ביי אונדז ביים עסן... מאָרגן איז ביי אים אָפּרוטאָג, פאָפּאַ וועט פרוון ריידן מיט אים... פאָפּאַ זיך אויפהייבן...

— וואָלסט בעסער גערופן אַ דאָקטער... — האָט דער פּאָטער אַרויסגערעדט מיט ווייטאָג — כ'בין קראַנק...

— פון ליגן, פון אַריינקלערן איז פּאַפּאַ קראַנק... פּאַפּאַ אויפשטיין!

נאָך פיל קרעכצערייען, אָכצערייען איז סעגאַל אויף דער נאַכט געזעסן אין אויפנאַם־צימער און געטרונקען טיי, צובייסנדיק רוסישן צוקער. ער האָט זיך געפילט שטאַרק אָפּגעשוואַכט פון פיל מעת־לעתן נישט אַרויסגיין אין גאַס. מיט סירקינען האָט ער נישט געוווסט וואָס צו רעדן, כאָטש דאָס ווייב האָט אים געהיים געשלעפּט פאַר אַן אַרבל...

סירקינען האָט ער געהאַט אין זכרון מיט אַן אַרויפגעריסענעם דאַשעק. איצט איז דער דאַשעק נישט געווען. ס'איז געווען אַן אַנדערער, פאַרענדערטער סירקין. סעגאַל האָט אים נישט דערקענט. עפּעס אַ באַנייטער יונג איז געזעסן ביים טיש. פון קאָפּ ביז פיס באַנייט, מיט אַ העלישן גליק אין זיינע אויגן, גליקלעך אין זיין שמייכל, ווי ער וואָלט עפּעס צו גאַסט געקומען פון אַן איינגעפונדעוועטער, רייכער היים.

און רחל, זיין איינציקע טאָכטער, איז פון אים פאַרכאַפּט, פאַרשווּנדעריש אַריינגעטאָן אין אַ מענטש, וואָס אים, סעגאַלן, איז ער פרעמד ווי די גאַנצע נייע בעלעבאַטישקייט אין שטאָט, וואָס די נייע מאַכט האָט מיט זיך מיטגעבראַכט.

און וואָס זאָל ער מיט אים רעדן? מוז ער דען רעדן? מוז ער דען אויספירן דעם ווייבס ווילן, וואָס זי שלעפּט אים פאַרן אַרבל?

נאָר ווען סירקין האָט אַרויסגענומען אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן און אים פאָרגעלייגט פאַררייכערן, האָט ער נעמענדיק אַ פּאַפּיראָס אַ פרעג געטאָן:

— איר וועט דאָ לאַנג וווינען?

— איך בין דאָ געשיקט אויף שטענדיקער אַרבעט...

— אויף שטענדיק? פון וועלכער שטאָט האָט מען אייך געשיקט?

— פון מינסק.

— אַ מינסקער געבוירענער?

— ניין... געבוירן בין איך ערגעץ אַנדערש... היינט וווינען מיינע עלטערן אין מינסק...

— איז עפּעס פאַראַן קראָמען ביי אייך אין שטאָט? — האָט סעגאַל געפרעגט — פאַראַן אַזעלכעס?

— פאַראַן... — האָט סירקין געענטפערט.

— כ׳מיין גרויסע געשעפטן?

— אַלץ פאַראַן...

— אַזוי! האָט סעגאַל מיט חדוש אויסגערופן — און סוחרים באַוווּסטע זיינען פאַראַן ביי אייך?

— וואָס זאָגט איר? — האָט שוין סירקין נישט פאַרשטאַנען.

— סוחרים, סוחרים! — האָט סעגאַל נישט געוווּסט ווי אַזוי צו דערקלערן — ווער ווייסט עס נישט וואָס סוחרים זענען? מענטשן אַזעלבע וואָס האַנדלען... פירן מסחר... מיט וועקסלען.

— ביי אונדז איז דאָס נישטאָ... ביי אונדז אַרבעטן אַלע — האָט סירקין געענטפערט, נאָך אַלץ נישט וויסנדיק אויף קלאָר וואָס סעגאַל מיינט.

— וואָס הייסט? — איז סעגאַל אויפגעשטאַנען פון שטול — געשעפטן מיט קראָמען זאָגט איר, זענען יאָ פאַראַן? נאָר סוחרים זענען ניטשאָ? איך הייב נישט אָן פאַרשטיין! נישט צו פאַרשטיין!

— ביי אונדז געהערט אַלץ דער מלוכה.

— וואָס הייסט דער מלוכה? — האָט סעגאַל געפילט ווי ס׳ווערט אים ענג אין האַלדז — אַז עמעצער לאָמיר זאָגן וויל זיך מאַכן אַ געוועלבל? אַ קליין געוועלבל מיט סאָדע־וואַסער?... האַ?

— דער פּאַפּאַ האָט דאָך שוין געהערט! דאָרטן איז אַלץ מלוכיש! — האָט רחל אַריינגעוואָרפן.

דער טאָכטערס אַריינמישן זיך האָט סעגאַלן אַזש אַ ברי געטאָן. „זי שיט מיר נאָך זאַלץ אויף די וווּנדן” — האָט ער אַ קלער געטאָן. ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע אָפּצווּווישן דעם שווייס פון שטערן.

דערנאָך אַ ביסל אַ באַרויקטער געקומען בײַ סירקינען אויספרעגן וועגן מינסק. צי איז מינסק אַ גרויסע שטאָט, צי האָט מינסק בתי־מדרשים און וויפל קאָסטן דאָרטן טיי, קאָנסערוון, מעל און גרויפּן. ער האָט אויסגעפרעגט אויף יעדן אַרטיקל באַזונדער, גלײַך סירקין וואָלט אים דאָס אַלץ פאָרגעלייגט, דערבײַ אפשר צען מאָל געטאַפּט דעם שטאָף פון סירקינס אָנצוג.

— און אײַערע עלטערן? — האָט ער זיך צוריקגעזעצט צום טיש — זיי אַרבעטן אויך, אײַערע עלטערן?

— יאָ, — האָט סירקין געענפערט — מײַנע עלטערן אַרבעטן...

— בײַ וואָס?

— מײַן פאָטער איז אַ טרעגער...

— אַ טרעגער! — האָט סעגאַל אַן איבערראַשטער אויסגערופן — אַן אמתער טרעגער?

— אַן אמתער, — האָט סירקין געשמייכלט.

סעגאַלן איז שווער געווען צו גלייבן דעריין... ער האָט אפילו נישט געוואָלט זיך צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ס'איז אַזוי... ווי פּאַסט זיך עפּעס זײַן טאָכטער צו אַ טרעגערס אַ זון? ניין, ניין! ווען זײַן טאַטע זאָל טאַקע זײַן אַ טרעגער, וואָלט ער זיך געשעמט אויסצוזאָגן... מ'ווייסט שוין...

— איר זעט אויס פון אַן אײדעלער משפּחה... — איז סעגאַלס פּרוּוו אַרײַן אין די רייד — פון זייער אײדעלע מענטשן...

— אָט, אָט! — איז סעגאַל געווען צופרידן, וואָס דאָס ווייב שווייגט נישט.

— נו, נישט וויכטיק — אַלץ נאַרישקייטן — האָט ער באַלד פאַר־געזעצט מיט פרישן ווייטאָג אין האַרצן, טראַכטנדיק, אפשר איז ער טאַקע אַ טרעגערס אַ זון? ווער ווייס? זײַן טאָכטער האָט זיך צו אים צוגע־שאַרט? האַ? — האָט ער געוואָלט אָפּיאָגן די געדאַנקען, וואָס האָבן אים אויף פריש געמאַטערט און געוואָרגן — ווען מ'דערלויבט בײַ אײַך האַנדלען! עפּעס פון אונדזער וועלט ווען ס'איז בײַ אײַך! דעמאָלט... דעמאָלט וואָלט געווען עפּעס אַנדערש... נאָר אַזוי...

ער האָט נישט דערערדט. ס׳איז אים פּלוצעם געוואָרן נישט גוט. די פרוי מיט דער טאָכטער האָבן אים אָנגענומען פאַר די הענט, אים אַוועקגעפירט אין שלאָפצימער.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער זיך דערנאָך געוואָרפן אויפן געלעגער, האָט געזידלט און געשאָלטן, עטלעכע מאָל דערלאַנגט דעם ווייב מיט אַ פּיס אין זייט. באַגינען צו איז ער ערשט איינגעשלאָפן און די פרוי האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן...

די פאַרברעכער־נעסט

(איינאַקטער)

פערזאָנען:

שיא
בייגלבלאק — פראָפעסאָר פילאָזאָפיע
מאדאם בייגלבלאק — זיין פרוי
בעטשע
בוכמייער
נעלל
פראנצייזישע אפיצירן און סאלדאטן

סצענע: אַ גרויסע שטוב. טירן אין אינעווייניקסטע צימערן. דורך די אָפענע פענצטער זעט זיך וואַלד. בעטשע, בוכמייער און נעלל האַלדזן זיך בגילופין. אויפן טיש איבערבלייבעכצן פון עסנס און פלעשער משקה.

בעטשע: בראַזיליע וועט זיין אונדזער נייע היים! בראַזיליע וועט אונדז באַשיצן — ווי אַ מאַמע! ווי וואַר איך לעבן!

נעלל: יאַ, יאַ. דאָרט זאָגט מען איז אונדזער גייסט... נאָך פאַרן קריג האָבן וועגן דעם אונדזערע צייטונגען געשריבן...

בעטשע: (קוקנדיק דורכן פענצטער) אָט גייט זי שוין — די מאַ־דאַם בייגלבלאָק. מיט איר לויפן אין שטאָט וועט זי אונדז באַגראָבן — דאָס פּאַרזועניש!

מאַדאַם בייגלבלאָק: (קומט אַריין פּאַרסאַפּעט, דערשראָקן) מיין האַרץ! מיין גאָט! אָסוואַלד, ווו ביסטו?

בעטשע: (ווייזט אויפן סופיט) אויבן, ביי זיך אין צימער... ער שרייבט...

מאַדאַם בייגלבלאָק: ער שרייבט שוין ווידער?

בעטשע: יאָ, וועגן אונדזערע פּאַרלוירענע אַפּאָסטאָלן — גערינג און געבעלס... אַ מין צוווייטן נייעם טעסטאַמענט וויל ער אָנשרייבן...

מאַדאַם בייגלבלאָק: (אָפּזיפּצנדיק) נישט צום אויסהאַלטן! עפּעס האָב איך לעצטנס — אַזעלכע חלומות. און ווו איך גיי דוכט זיך מיר עפּעס... עפּעס גייט מען מיר נאָך... חלומות אויף יעדן טריט... (פּלוצעם) הער אָבערפּאָליציימייסטער, איר ווייסט פון סאַראַ אַדל איך בין? איך האָב דריי יאָר היידלבערגער אוניווערסיטעט שטודירט... איך קען נישט איבערטראָגן קיין שרעק!... (לויפט אַרויס).

נעלל: (שיכור, נאָכקרימענדיק פרוי בייגלבלאָק) דריי יאָר היי־דלבערגער אוניווערסיטעט שטודירט! אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן וואָלט איר קאָפּ זיך אַריינגעפּאַסט! האָט זי גאָר היידלבערג, היידלבערג! (לאַכט).

בייגלבלאָק: (ווי ער וואָלט זיך אַריינגעגנבעט) גאָט זיי דאַנק! גאָט זיי דאַנק! (מאַכט מיט די הענט צו דער טיר, דורך וואַנען פרוי בייגל־בלאָק איז אַרויס) גאָט זיי דאַנק!

מאַדאַם בייגלבלאָק: (לויפט אַריין) אָסוואַלד!

בייגלבלאָק: (כאַפּט קושן אירע הענט) ווי פילסטו זיך? טייבעלע, האַרץ מיינס!

מאַדאַם בייגלבלאָק: איך האָב אַזוי פיל שרעק...

בעטשע: (צו מאַדאַם בייגלבלאָק) פערציק טויזנט זענען אויסגעפאַלן אויף אונדזערע פלייצעס און מיר האָבן זיך גאָרנישט געשראָקן! (ווייזט אויף בייגלבלאָקן) פערציק טויזנט יידן... און נאָך יעדן טויזנטער שנאַפּס געטרונקען... אַז פערציק טויזנט, וויפל הייסט עס — שנאַפּסן?... ווי וואַר איך לעב — מיר האָבן זיך גאָרנישט געשראָקן...

בייגלבלאָק: פערציק טויזנט! יאָ, יאָ! און ווען הונדערט טויזנט? איצט קלער איך טאַקע... מיר האָבן דאָס אַלץ אָפּגעטאָן אָן שרעק — מיר האָבן זיך גאָרנישט געשראָקן...

בעטשע: און ווען דריי הונדערט טויזנט? און ווען אַ מיליאָן? וואָלטן מיר זיך עפּעס געשראָקן?

נעלל: (כאַפּט זיך אויף שיכור) אָט, אָט! אַ מיליאָן! צוויי מיליאָן! אָט דאָס פאַרשטיי איך! אָבער פערציק טויזנט? ווי לעבערלעך... מיט איין טראַסק, אין איין נאַכט פלעגן מיר דערלעדיקן — אַ גאַנץ געטאָ... און שנאַפּס האָט זיך געגאָסן — אַ ים!

מאַדאַם בייגלבלאָק: הערט אויף! דונערט נישט מיט די טויזנטער און מיט די מיליאָנען! (אָפּעטעמענדיק) יענע נאַכט האָב איך געהאַט אַזאַ שרעקלעכע נאַכט. (קוים אָפּעטעמענדיק) אַ ייד האָט מיך געשטיקט... אַזוי געשטיקט... ער האָט מיך שיער נישט דערוואָרגן... (קוקט זיך אַרום) און איצט... איך פאָר אַזוי — פון שטאָט... איך גיי אַזוי אויפן וועג... עפּעס אַזאַ רודערן אין קאָרן... עפּעס אַזאַ שאָרכעריי צווישן די גראָזן... שרעקלעך! (צום מאַן) דו ביסט אפילו נישט אַרויס מיך אָפּוואַרטן? פאַרנעמסט זיך גאָר מיט שרייבעריי?

נעלל: (בגילופין) איך גיי אַזוי אויפן וועג... איך גיי אַזוי אין די גראָזן... לויט מיר איז זי... (ווייזט אויפן קאָפּ)

מאַדאַם בייגלבלאָק: (רייסט פלוצעם דאָס קלייד ביים האַלדז) אָט דאָס רעכנט איר נישט? אָט די שוואַרצע פלעקן? אַזעלכע שרעקלעכע נעגל האָט ער געהאַט — דער ייד! אַ ייד מיט נעגל! הימל קראַך און ערד קראַך! — ווי אַזוי אונדזער אַלמעכטיקע געשטאַפּאָ האָט נאָך איבערגעלאָזט הענט מיט נעגל ביי יידן!

בעטשע: אָ, אָ! דערמיט, מאַדאַם בייגלבלאָק, בין איך — איינ־שטימיק! דאָס רעדט איר ווי אַ מלאך!... מיין גאָט! איבערלאָזן איין יי־דן נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר זענען פון זיי אויסגעשטאַנען? איז עס נישט געזוען אַ פאַרברעך?... ווי וואָר איך לעב — דער פאַרברעכן וועט אייביק פרעסן אונדזער געוויסן!... און נישט בלויז מיר וועלן עס זיך נישט מוחל זיין... (באַטאָנענדיק) מען וועט עס אונדז נישט מוחל זיין! אין דער וועלט זענען שוין פאַראַן אַזעלכע, וואָס וועלן אונדז טאַקע דער־פאַר משפטן... די ענגלענדער אַליין... ווי וואָר איך לעב!

נעלל: טאַקע דערפאַר... נישט פאַר די פאַרברענטע און פאַר־פייניקטע ערגעץ — נאָר פאַר די... פאַר די לעבנגעבליבענע וועט מען אונדז משפטן...

בוכמייער: דערפאַר, דערפאַר! נאָר דערפאַר!

בעטשע: (צו בייגלבלאָקן) אַזאַ פאַרברעך האָט איר אויך אָפּגע־טאָן — איר, הער פּראָפעסאָר! איר, איר! ביי אייך אין שטוב האָט איר דאָס יידישע יינגל געהאַלטן. דאָס יינגל איז אייך געשטאַנען צו־קאָפּנס — אַלץ געזען און אַלץ געוווּסט... אפילו די געהיימענישן פון אייער קאָפּ האָט ער געוווּסט...

בייגלבלאָק: (פאַרטראַכט) אָט דער שטיוול־פּוצער? דער שיאַ? אין די געהיימענישן פון מיין קאָפּ?

מאַדאַם בייגלבלאָק: יאָ, יאָ! דער שטיוול־פּוצער! דאָס איז ער! פון אים האָב איך דאָס די שוואַרצע פלעקן... דאָס מוז ער זיין! ער, ער שטיקט מיך דאָס יעדע נאַכט!

בייגלבלאָק: און דערשטיקט דיך גאָרנישט? גאָט זאָל זיך שוין דערבאַרעמען!

מאַדאַם בייגלבלאָק: היינטיקע נאַכט שלאָף איך נישט אין מיין צימער... וועסט מיך נישט צווינגען, אָסוואַלד! אָן דיר וועל איך מער נישט שלאָפן...

בייגלבלאָק: און איך וועל שוין היינט גיין שלאָפן — אויפן בוי־דעם... אָדער איך וועל... אָדער איך וועל... (לויפט צעמישט) וואָס ווילט איר? וואָס האָסטו דיר עפּעס איינגעבילדעט אַ ייִד ביי נאַכט?

מאַדאַם בייגלבלאָק: און די שוואַרצע פלעקן? און די צייכנס? אַט דאָס אַלץ איז איינבילדונג? אַלץ איינבילדונג?

בייגלבלאָק: (באַטראַכטנדיק איר האַלדז) ווו זענען פלעקן? פאַר־רוקט צו ווערן! ווו זענען פלעקן? (צו בעטשען) איר זענט דאָך עפּעס אַ פּאָליציימייסטער! איר זעט דאָ עפּעס? ווו זענען פלעקן?

בעטשע: (קוקט זיך איין פאָרשנדיק) פלעקן, פלעקן! זיבערע פלע־קן! באַשיינפערלעכע פלעקן, — פון דעם שטיוול־פוצער! יאָ, יאָ, אָן צווייפל מאַדאַם בייגלבלאָק — אַ בלינדער קען אָנטאַפּן... אָנשטאָט פאַרציען אַ שטריק אויף זיין האַלדז, האָט איר אים נאָך געקעכלט און געקליידט... איצט וועט איר האָבן מאַדאַם! נישט בלויז אין חלום וועט איר אים האָבן... איר וועט אים נאָך האָבן אויף דער וואָר — ווי וואַר איך לעבו!

מאַדאַם בייגלבלאָק: אָט דער שיאַ? דער שטיוול־פוצער?

בעטשע: יאָ, יאָ מאַדאַם! איר האָט אָפּגעטאָן אַ פאַרברעכן — איר מיט אייער גנעדיקן מאַן — הער פּראָפעסאָר מיט דער דיסעל־דאָרפער פילאָזאָפיע... איצט מאַטערט איר אונדז מיט אייערע שוואַרצע פלעקן — צום טייוול! (פויזע) פאַר אייער פאַרברעכן וועט איר נאָך קו־מען אין זיינע הענט... איר מוזט נאָך פאַלן אין די הענט פון שטיוול־פוצער!

מאַדאַם בייגלבלאָק: (פאַלט אויף אַ שטול) ווי שרעקלעך!

בעטשע: דאָ, דאָ, וועט איר אים נאָך האָבן! דאָ, דאָ!

בייגלבלאָק: אָבער אום גאָטעס ווילן! (צו בעטשען) אום גאָטעס ווילן! וואָס טרייבט איר אומזיסטע פּאַניק — הער אָבערפּאָליציימייס־טער? ווען וועט איינפאַלן דאָ אַהערצוקומען? ווער וועט דאָ אַהער־טרעפן? אין דעם וואַלד דאָ? וואָס טרייבט איר אומזיסט פּאַניק? (הוסט אָפּ) מיר וועלן דאָ אָפּזיין אַ שטיקל צייט — די וועלט וועט זיך איינ־

שמילן דערזוויל... און מיר וועלן אויסזינגען אונדזער גרויסן גאָט־זיי־דאַנק! (צו בוכמייערן) בין איך געזעכט, בוכמייער?

בוכמייער: המ... יאָ, שווער צו וויסן...

בייגלבלאָק: (צו נעללן) און דו נעלל, וואָס זאָגסטו דו?

נעלל: (מיט זיפץ) שווער צו וויסן.

בייגלבלאָק: (אַ מאַך מיט דער האַנט) מיט אייך איז איין גע־שיכטע — פאַר איין פעניג פילאָזאָפיע פאַרמאָגט איר נישט... מיינע הערן! (הוסט אָפּ) אָנפירן מיט די געטאָ־אַקציעס האָט מען וואָס גע־דאַרפט? אי פילאָזאָפיע, אי פסיכאָלאָגיע! און מיט אַלע געטאָ־אַקציעס ווער האָט אָנגעפירט? באַפעלער, אָבערשטורמפירער, גענעראַל איבער אַלעס — בין איך געווען? יאָ, אָדער — ניין?

בעטשע: און איך אָבערפּאָליציימייסטער.

בייגלבלאָק: און איר אָבערפּאָליציימייסטער! איך וויל, אַז אויך היינט, אויך איצט זאָלן מיר זיין געאייניקט, ווי ביי די געטאָס! איר דאַרפט אין זיך פאַרמאָגן כאָטש פאַר איין פעניג פילאָזאָפיע! פילאָזאָ־פיע — מיינע הערן! וואָס קלאַפּט איר אין די פאַרזשאַווערטע גלאָקן, מיינע הערן, אַז דאָס איבערלאָזן יידן — איז אַ פאַרברעכן? (הוסט) מיר האָבן זיי אפשר איבערגעלאָזט פאַר נאָך עמעצן — פאַר אונ־דזערע קומענדיקע דורות האָבן מיר אויך געמוזט אַ טראַכט געבן... מיינט איר, מיר קאָנען אַלץ אַריינכאַפּן? ניין, מיינע הערן! שטעלט אייך פאָר, ווען עס וואָלטן פון די שפּאַנישע אינקוויזיציעס און פון אַנדערע אינקוויזיציעס — נישט איבערגעבליבן קיין יידן אויף דער ערד? שטעלט אייך נאָר פאָר — דאָס אומגליק! פון וועמען וואָלטן מיר אָנגעהויבן? פאַר וועמען וואָלטן מיר געמאַכט געטאָס? פון וואַנען וואָלטן מיר אָנ־גענומען אַזוי פיל ווערטזאַכן — ווען עס וואָלטן נישט געווען קיין יידן אין וואַרשע, יידן אין לאָדזש, אין אַנטווערפּן, האָלאַנד און יידן אין בערלין? האַ? פון וואַנען וואָלטן מיר עפּעס געהאַט, ווען די פאַר־שטאָרבענע אינקוויזיטאָרן, אונדזערע גראָספאַטערס, וואָלטן אַלץ אַראָפּ־געשלונגען פאַר זיך? דעריבער האָבן מיר אויך געמוזט זיין באַרמ־

האַרציק, ווי אונדזערע גרויספּאַטערס, און אויך איבערלאָזן אַ ביסל יי־
דן פּאַר אונדזערע אייניקלעך — זאָלן זיי נישט האָבן אויף אונדז צו
וויינען... כאָטש פאַר איין פעניג פילאָזאָפיע, מייגע הערן!

בייגלבלאָק: (נאָך אַ פּויזע) וואָס טרייבט איר פּאַניק, הער אָ־
בערפּאָליציימייסטער? מיר געפינען זיך דאָ אין אַ וויללע — טיף אין
וואַלד... יאָ? פּאַר קעלט און רעגן האָבן מיר נישט קיין מורא... יאָ?
פּאַרדינען אויפן שטיקל ברויט אָדער אויף שיך — ברויכן מיר נישט?
האַ? באַזאָרגט פאַר קינדס קינדער — מיט ברילאַנטן און גאָלד...
(רייבט זיך די הענט) איצט וויל איך נאָך עפּעס זאָגן —

בעטשע: קוואַטש, הער פּראָפעסאָר! זאָגט מער נישט! פּלוידעריי
און קוואַטש! ווי וואַר איך לעב!

בייגלבלאָק: (צו נעללן) און דו וואָס זאָגסטו?

נעלל: (שיכור, טרינקט פון אַ פלאַש) פאַר קיין איין פעניג פי־
לאָזאָפיע! אַלץ קוואַטש!

בייגלבלאָק: (צו בוכמייערן) און דו?

בוכמייער: קיין איין פעניג פילאָזאָפיע! אַלץ קוואַטש, הער פּראָ־
פעסאָר!

בייגלבלאָק: (געפינט זיך נישט קיין אָרט) ברוטאַל! העסלעכע
באַרבאַרן! ברוטאַלע באַרבאַרן! פאַר מיינע רעפעראַטן איבער פילאָזאָ־
פיע האָב איך אַן אָרדער פון פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום! פון געבעלסן
אַליין! אין בערלינער אוניווערסיטעטן געווען איינגעלאַדן...

בעטשע: (לאַכט) ס׳קען זיין, איר דאַרפט אפשר אַן אָרדער, נישט
נאָר פון מיניסטעריום — נאָר פונעם טייוול! ס׳קען זיין, אַז יידן
מוזן ווידער לעבן, ווידער אַ מאָל אָנזאַמלען פאַרמעגנס, אַז מ׳זאָל ווי־
דער אַ מאָל פון זיי אַלץ צונעמען, אום זיי ווידער אַ מאָל איבערצו־
פרעגלען אין די אייוונס... איך האָב גאָרנישט דאַקעגן! אָבער אייער
פילאָזאָפיע, הער פּראָפעסאָר, — אַז קיינעם וועט נישט איינפאַלן אונדז
דאָ צו זוכן — איז מער ווי לעבערלעך! (אָנווייזנדיק אויף מאַדאַם ביי־
גלבלאָק) אייער גנעדיקע פרוי פליט כסדר אין שטאָט... זי קען אָן

דער שטאָט נישט לעבן... און דאָרטן שוויבלט פון יידישע שפּיאָנען... פון יידישער ראַכע... יידישע ראַכע, מיין הער!

בייגלבלאָק: (שמייכלענדיק איראָניש) הער אָבערפּאָליציימייסטער! ווי אַזוי האָט מען אייך אָנגעטרויט אַ פּאָסטן אַלס אָבערפּאָליציימייסטער? (הייבט די אַקסלען) אַן אָבערפּאָליציימייסטער מוז כאָטש זיין אַ — פּסי־כאָלאָג... און איר? פאַרשטייט, אַז דער ייד פאַרקויפט אייך זיין גאַנצע ראַכע — פאַר אַ בולקע מיט פּוטער! וואָס ווילט איר אונדז איינרעדן — שפּיאָנען? ראַכע? יידישע ראַכע! אונדז? אונדז זוכט דער ייד? ער זוכט ווידער האַנדל! ווידער אַ פאַרדינסטל! פאַר איין פּעניג פילאָזאָ־פיע, מיינע הערן!

בעטשע: (גיט אַ קלאַפּ אין טיש) קוואַטש! מיר ווען מער דאָ נישט זיין! איך, בוכמייער און נעלל — מיר פאָרן נאָך בראַזיליען!

בוכמייער: נאָך בראַזיליען! צו אונדזער נייעם פאָטערלאַנד בראַ־זיליע!

נעלל: בראַזיליע וועט אונדז אויפנעמען, ווי אַ מאַמע!

בייגלבלאָק: און איך גיי צו מיר אין צימער... אַ גליקלעכע רייזע, מיינע הערן!

מאַדאַם בייגלבלאָק: (כאַפּט זיך אויף) אָסוואַלד, איך גיי מיט דיר! אָסוואַלד, ווו לאָזטו מיך מיט די באַרבאַרן? אָסוואַלד!

בעטשע: (שטעלט זיך זיי אין וועג) נישט אַזוי שנעל, מיינע הער־שאַפטן! רויק און לאַנגזאַם, מיינע הערשאַפטן! פאַר אַלעם וועט איר פאַר אונדז אויפמאַכן דעם קאַסטן גאָלד! דאָס גאָלד — מיינע הער־שאַפטן! איר אַליין ווילט נאָר האָבן פאַר קינדס קינדער? מיר דאַרפן אויך עפּעס!... (צו מאַדאַם בייגלבלאָק) און איר, מאַדאַם! די בריליאַנטן מיט דעם אַלעם — ציט אַראָפּ! ציט אַראָפּ! אַלץ אויפן טיש אַרויף! אויפן טיש! איצט איז די צייט!

נעלל: מיר פאָרן נאָך בראַזיליען און דאַרפן מער פון אייך!

בוכמייער: צו אונדזער נייעם פאָטערלאַנד בראַזיליע! אונדזער פאָטערלאַנד איז איצט אַ שטיפמאַמע! צו אונדזער נייעם פאָטערלאַנד—

(ער דערוועדט נישט. עס הערט זיך אַ קלאַפּן, ווערט שטאַרקער, שטורמיש. בייגלבלאָק און בעטשע פאַרשווינדן די ערשטע. נאָך זיי — געלל און בוכמייער. טירן ווערן אויפגעפּראַלט. מיט רעוואָלווערן אין די הענט קומען אַריין פראַנצייזישע אָפיצירן און סאָלדאַטן. צווישן זיי געפינט זיך שיע — אַ יונגער בחור מיט גרינע זונברילן, געקליידט ווי אַ טיראָלער דייטש).

שיע: (צו מאַדאַם בייגלבלאָק, וועלכע זיצט ווי פאַרחלשט) מאַדאַם בייגלבלאָק! גרים גאָט!

מאַדאַם בייגלבלאָק: (קוקט אויף אים, דערקענט אים נישט) גרים גאָט!

שיע: גרים גאָט! ווי גייט עס, מאַדאַם בייגלבלאָק?

מאַדאַם בייגלבלאָק: קענען זי מיך?

שיע: (נעמט אַראָפּ די ברילן, נעמט פּלוצעם קוקן אַ פאַרבליפטער אויף דער אויסשטאַטונג פון צימער).

מאַדאַם בייגלבלאָק: (איבערראַשט, נישט גלייבנדיק) שיאַ! שיאַ! אַזוי פיל ווי איך האָב וועגן דיר געטראַכט, שיאַ! ביסט דו עס שיאַ?

שיע: איך, איך! ווי גייט עס, מאַדאַם בייגל—בלאָק? איז דאָס אייער וווינונג? דאָס אַלץ איז אייער?

מאַדאַם בייגלבלאָק: יאָ, גאָט זיי דאַנק! עס פרייט מיך זייער דיך צו זען. דאַנקע גאָט, דו לעבסט!

שיע: און מיך פרייט אויך, מיך פרייט אויך, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן! איז דאָס אייער וווינונג? אַלץ אייער?

מאַדאַם בייגלבלאָק: סאַראַ צופאַל, טייער יינגל מיינס! טאָג און נאַכט רעדן מיר נאָר וועגן דיר...

שיע: (ווי אָנכאַפּנדיק זיך) מיט וועמען?

מאַדאַם בייגלבלאָק: מיט וועמען? (האַקט אָפּ, ווי זי וואָלט אויסגערעדט אַ סוד).

שיע: (געשפּאַנט) מיט וועמען רעדט איר?

מאַדאַם בייגלבלאָק: (פאַרלוירן, ווייסט נישט וואָס צו זאָגן) מיט די קינדער מיינע רעד איך... מיט די קינדער...

שיע: די וואָרהייט, וויסטע קליפּע! אַלט פאַרזועניש!

מאַדאַם בייגלבלאָק: שיאַ, די וואָרהייט, די ריינסטע וואָרהייט!

שיע: (איבערשלאָגנדיק) דער אַלטער לומפּ — דיין מאַן, ווו איז? האַ? מיט אים רעדסטו דאָס? האַ?

מאַדאַם בייגלבלאָק: ביי גאָט, איך האָב אים שוין אַ צייט נישט געזען — מאָנאַטן לאַנג!

שיע: און דו שווערסט ביי גאָט? עקלהאַפטע! (דערנעענטערט זיך צו די אָפיצירן, וועלכע האָבן פאַר דער צייט אַריינגעפירט בוכמייערן און נעללן).

ערשטער אָפיציר: (נאָכן איבעררעדן עפּעס מיט שיען, ווענדעט זיך צו מאַדאַם בייגלבלאָק, אָנווייזנדיק אויף שיען) דער הער איז אייך באַקאַנט?

מאַדאַם בייגלבלאָק: (מיט אַ זיפץ) יאָ,

אָפיציר: זינט ווען קענט איר אים?

מאַדאַם בייגלבלאָק: (נאָכקלערנדיק) זינט ניינצן צוויי און פערציק.

אָפיציר: זינט ניינצן צוויי און פערציק? ווו זענט איר דאַן געווען?

מאַדאַם בייגלבלאָק: (מיט זיפץ) אין פּוילן.

אָפיציר: וואָס האָט איר דאָרטן געטאָן? מיט וואָס געווען באַשעפטיקט?

מאַדאַם בייגלבלאָק: מיט די קינדער, ביים מאַן... נאָר מיט די קינדער... און די קינדער האָבן דעם שיאַ ליב געהאַט — און ער זיי אויך... ווי אַן אייגן קינד האָב איך אים באַהאַנדלט... זאָל ער זאָגן, צי איך האָב אים ווען שלעכטס געטאָן?

אָפיציר: הם... נאָר אים האָט איר נישט געטאָן? און מיט אַנדערע ווי זענט איר זיך באַגאַנגען? און מיט וואָס האָט זיך דאָרטן אייער מאַן באַשעפטיקט?

מאַדאַם בייגלבלאָק: (קלערט)

אָפּיציר: מיט וואָס האָט זיך דאָרטן אייער מאַן באַשעפטיקט? וואָס קלערט איר? (נאָך אַ פויזע) מיט וואָס האָט זיך אייער מאַן באַשעפטיקט ביז די יידישע געטאָס אין פוילן?

מאַדאַם בייגלבלאָק: מיט פילאָזאָפיע. פּראָפעסאָר אין בערלינער אוניווערסיטעטן...

אָפּיציר: און ביי די געטאָס? האָט ער זיך דאָרטן אויך פאַרנומען מיט בערלינער פילאָזאָפיע? (צו נעללן און בוכמייערן) און איר מיינע הערן? איר האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע? און איר, מאַדאַם?

מאַדאַם בייגלבלאָק: גאָט באַהיט! איך בין אַ מוטער פון קינדער... (אָנווייזנדיק אויף שיען) און צו אים בין איך אויך געווען ווי אַ מוטער...

אָפּיציר: ווי אַ מוטער?

מאַדאַם בייגלבלאָק: אַלץ וואָס איך זאָג איז פּינקטלעך, מיין הער. נישט פּינקטלעכקייט — האַס איך.

שיע: אמת, אמת. באַווייזט אויך איצט אייער פּינקטלעכקייט! באַווייזט טאַקע ווי „מוטערלעך" איר זענט צו מיר געווען... מאַדאַם, איך בין ווידער אַ מאָל אייער געפאַנגענער קנעכט פון געטאָ! בין ווידער אַ מאָל אייער שטיוול־פוצער! אייער, אייער! ווידער אין גאַנצן אייער! נו, מאַדאַם! באַווייזט, ווי איך בין אין גאַנצן געווען אייער! נו, מאַדאַם! פאַר אַ נישט פּינקטלעכן בליק, פאַר אַ נישט פּינקטלעכן קוש אין אייער הענטעלע — באַווייזט דאָס אַלץ נאָך אַ מאָל! איר האָט דאָך ליב פּינקטלעכקייט, מאַדאַם! באַווייזט זשע נאָך אַ מאָל אַלץ אַזוי פּינקטלעך! באַווייזט אייערע גימנאַסטיקעס (פאַלט אויף די קני) אָט בין איך ווידער אויף די קני, ווי אַמאָל! דער עקלהאַפטער הונט! דער פאַרפלוכטער, אומדערצויגענער שלעפער! דער שמוציקער לומפּ! וויפל מאָל האָב איך געמוזט אייערע הענטלעך לעקן, נאָך דעם, ווי איר האָט מיר אין די ציין געהאַקט, ביי די האָר איבערן דיל געשלעפּט אַהין און אַהער! אַהער און אַהין!

אָפּיציר: אויסגעצייכנט, מאַדאַם! איר האָט אויך אַקאַדעמישע בילדונג?

מאַדאַם בייגלבלאָק: (כמעט קאָקעטירנדיק) דריי יאָר היידל־בערגער אוניווערסיטעט שטודירט... איך שטאַם פון אַדל... פון גרויסן אַדל...

אָפיציר: יאָ, יאָ! מען זעט! איך האָב גלייך באַמערקט, אַז איר האָט העכערע בילדונג! (נאָך אַ פויזע) וועלכע „מוטערלעכע" גימנאַס־טיקעס פלעגט איר נאָך פראַווען מיט דעם בחור?

מאַדאַם בייגלבלאָק: זאָל מיך דער הער גאָט אויסהיטן! אָ, איך האָב אים קיין שלעכטס נישט געטאָן! אויסער — קלייניקייטן... (פּלוצעם) מאַטערט מיך נישט! איך בעט אייך! מיר איז אַזוי שלעכט! (זוכט אַ שטול. ס'קומען אַריין צוויי סאָלדאַטן מיט אַן אָפיציר, וואָס האָבן געזוכט אין די אַנדערע צימערן).

אַריינגעקומענער אָפיציר: פאַראַן דאָ גוט פאַרמאַסקירטע באַהעל־טענישן.

צווייטער אָפיציר: געדולד, געדולד! אַלץ וועט אַנטדעקט ווערן.

שיע: (טרייסלט מאַדאַם בייגלבלאָק) דיין אַלטער לומפּ ווו איז? ווו האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער מערדער פון פערציק טויזנט?

מאַדאַם בייגלבלאָק: שיאַ! מיין טייער יינגל! דיר האָבן מיר אַזוי פיל גוטס געטאָן...

שיע: (אָפּהוסטנדיק, שטעקט די האַנט אין קעשענע, ווי אַרויסצו־נעמען פון דאָרטן געווער).

מאַדאַם בייגלבלאָק: (אויפכאַפּנדיק זיך אין טויטשרעק) שיאַ וואָס וואָס ווילסטו? לאָז מיך לעבן! איך וויל נישט שטאַרבן! שיאַ — איך וויל לעבן!

שיע: פאַרברעכער־באַנדע! איר ווילט נאָך לעבן? (צו נעללן און בוכמייערן) און איר וואָס ווילט? אויך לעבן? אַלע האָט איר נאָך די חוצפה צו וועלן לעבן? פאַר די אויסגעשאָכטענע? פאַר די געיאָגטע אין די גאַזקאַמערן — לעבט איר נאָך אין ווילעס? אין אַזעלכע פּאַלאַצן? איר מערדער — אין אַזעלכע פּאַלאַצן? (דערזעט אויף איר האַלדז צי־רונג און נעמט עס אַראָפּרייסן) און דאָס? דאָס פון וואַנען איז? פון

וועמען? האַ? און דאָס? (רייסט פון אירע הענט גאָלדענע בראַנזועליעטן) און דאָס פון וואַנען? (דערלאַנגט דעם אָפיציר די בראַנזועליעטן).

אָפיציר: (צו מאַדאַם בייגלבלאָק, אָנווייזנדיק אויפן צירונג) פון וואַנען האָט איר דאָס?

מאַדאַם בייגלבלאָק: (שווייגט).

אָפיציר: פון דער פילאָזאָפיע האָט דאָס אייער מאַן פאַראיבער־ריקט? אָדער פון געטאָ?

מאַדאַם בייגלבלאָק: (שווייגט).

שיע: ווו האָסטו אים פאַרשטעקט — דעם נידערטרעכטיקן מער־דער? (שטעקט ווידער די האַנט אין קעשענע, ווי אַרויסצונעמען פון דאָרטן געווער. מאַדאַם בייגלבלאָק פאַלט אין דער שטול, שרייט אַן אויפגעשוידערטע פון טויטאַנגסט).

מאַדאַם בייגלבלאָק: שיאַ, דערבאַרעם זיך, איך וועל זאָגן, שיאַ! שענק מיר דאָס לעבן, שיאַ! דאָס לעבן — דערבאַרעם זיך!

שיע: דערבאַרעם זיך! און איר האָט זיך עפּעס דערבאַרעמט? האַ? אויפשטיין! מיר האָבן אויך געמוזט שטיין פאַר אייך! אויפשטיין סאַקראַמענט! אַזוי! איצט זאָג, ווו דער אַלטער לומפּ האָט זיך פאַר־שטעקט?!

מאַדאַם בייגלבלאָק: (וויל אים זאָגן אויפן אויער).

שיע: נישט אויפן אויער! אייך האָבן מיר אויך נישט גערעדט אויפן אויער!

(מאַדאַם בייגלבלאָק לאָזט זיך לינקס. נאָך איר שיע און צוויי אָפיצירן).

נעלל: ביטער! אוי ביטער! אָן אַ פּעניג פילאָזאָפיע איז זייער ביטער!

בוכמייער: יאָ! מ'האָט שוין געקענט זיין אויפן וועג קיין בראַ־זיליען... (זיפצט).

נעלל: איצט זענען מיר שוין גאָר ווייט פאַרפאָרן — נאָך ווייטער פון בראַזיליען!

בוכמייער: ביטער, ביטער! אָן אַ פעניג פילאָזאָפיע — איז זייער ביטער!

ערשטער סאָלדאַט: אויף יענער וועלט זאָלט איר אָפּגעבן אַ גרוס דעם הער געבעלס! (אַלע סאָלדאַטן לאַכן).

ערשטער סאָלדאַט: איר זאָלט אים איבערגעבן אַ גרוס:

אַז צעקלאַפּט איז בערלין,
באַגראָבן איר — טרוים,
דער „פירער" וועט נישט מער פליען
צו מוסאָלינין קיין — רוים!

(עס דערהערט זיך אַ שאָס. אין אַ ווײַלע אַרום גייט אַרײַן ביי־גלבלאָק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. נאָך אים די אָפיצירן און שיע).

שיע: (ווי ער וואָלט שוין גערעדט פאַרן אַרײַנקומען) יענער איז געווען אָבערפאָליציימייסטער. נאָר דער (אָנווייזנדיק אויף בייגלבלאָקן) דער איז גענעראַל! גענעראַל בייגלבלאָק! הער פּראָפעסאָר! פאַרברע־כער, איבער פאַרברעכער! אָבער־מערדער פון אונדזער געטאָ! יעדן אויף דער נאַכט האָב איך פאַרבלוטיקטע שטיוול פון דיינע פיס געצויגן! פון אָט די פיס, וואָס האָבן קינדער געטראָטן! פון אָט די פיס, וואָס האָבן אין שוואַנגערע פרויען געקאָפּעט! אָט די פיס האָב איך נאָך געמוזט קושן! און אָט די הענט, וואָס האָבן געשאָסן לינקס און רעכטס, רעכטס און לינקס! אָט די הענט, אָט די הענט, וואָס האָבן ציין פון הרוגים געריסן, קינדער פון די וויגן אַרויסגעשטיקט — אָט די הענט האָב איך געמוזט קושן, האַ? דערקענסטו מיך הער פּראָפעסאָר? דערקענסטו דיין שטיוול־פוצער, נידערטרעכטיקער טיראַן?! (אָפּהוסטנדיק) חדשים לאַנג האָב איך דיך געזוכט... חדשים, חדשים, און נעכטן האָב איך דיין עקלהאַפטע מאַלפּע באַמערקט! דרייסיק קילאָמעטער איר נאָכגעפאָרן, איר נאָכגעשנאַפּט... אין גראָז... אין קאָרן — אויפן בויך זיך געראַטשעט... איר נאָכגעשפּירט, ביז כ'האָב דאָ — אייער פאַרברעכער־נעסט דער־ווישט!

ערשטער אָפיציר: (צו בייגלבלאָקן) פאַרנעמט זיך! סוועט שפעט — פאַרנעמט זיך! מיר דאַרפן היינט נאָך אַזעלכע „העכט" אַרעסטירן... איר זענט נישט די איינציקע.

ערשטער סאָלדאַט: (גיט אַ שלעפּ בייגלבלאָקן צו נעלען און בוכמייערן) דאָ איז אייער קאָמפּאַניע! און אויף יענער וועלט, גיט אָפּ געבעלסן אַ גרוס:

אַז צעקלאַפּט איז בערלין,
באַגראָבן איר — טרוים,
דער „פירער" וועט נישט מער פליען
צו מאָסאָלינין קיין רוים!

(פאָרהאַנג)